STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07725

IN NEBEL

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארויסגעגעבן פון
יונגן שרייבער פעראיין
שיקאגא.

צוזאמענגעשטעלט

פון

מאיר קויפמאן

בן שלום (ש. שניידער)

מתתיה דייטש

דרוק פון
האמאן פרעס
372
1425-27 ס. קעדזיע עוו.
שיקאגא

פארווארט

„אין נעבעל“ איז אַ זאַמלונג פון די ערשטצייטיגע פרוכט פון די פעדערס פון אַ גרופּע יונגע אידישע דיכטער אין שיקאַגאָ.

דאָס איז דער ערשטער פּערזוך וואס ווערט געמאַכט פון יונגע שרייבער אין שיקאגא ארויסצוטרעטען דירעקט צום פּובליקום אָהן סמיכות אויף פּאָעזיע פון די אַלטע פּוסקים.

אין ניו יארק זיינען אזוינע ארויסטרעטונגען ניט קיין נייעס. מאַנכע אַזוינע פּרעטענדענטען אויף אַ פּלאַץ אין טעמפּעל פון פּאָעזיע האָבען זיך שוין ערוואָרבען שטעדט אין סאַמע מזרח וואַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקא.

דער אידישער ישוב אין שיקאַגאָ איז נאָך יונג, און די אידישע ליטעראַטור האָט דאָ נאָך ניט געפונען קיין היים. די אידישע צייטונג אין שיקאַגאָ אימפּאָרטירט איהר ליטעראַטור פון דרויסען, און מאַנכע גלויבען אז דער באָדען ביי די ברעגעס פון לייק מישיגען איז ניט מסוגל פאַר אידישע פּאָעזיע.

עס האָט זיך דערפאַר גענויטיהיגט פיעל מוטה און אָפּפערוויליגקייט ארויסצוטרעטען פאַר דער עפענטליכקייט מיט אַ זאַמלונג פון שיקאַגאָ׳ר דיכטונג.

די עלטערע שרייבער אין שיקאַגאָ האָבען עס ניט געוואַגט. אָבער די מוטיגע יונגע זיינען גרייט פּאָרטצוזעצען זייער אַרבייט אפילו ווען זייער ערשטער פּערזוך זאָל ניט געלינגען. זיי וועלען זיך אויך ניט צוריק שרעקען אויב דער קריטיקער וועט זיי אויסלאַכען אָדער זאָגאַר איגנאָרירען.

זיי ווייסען זעלבסט אז זייער טעכניק איז נאָך ניט פּאָלקאָם, אַז זייערע נשמות האָבען נאָך ניט געפונען די ריכטיגע שפּראַך פאַר זייער אויסדרוק. זיי פערשטעהען אויך גאַנץ קלאָר אַז ווען עס וועט קומען זייער חג האסיף, די צייט צונויפצוזאַמלען זייערע פּראָדוקטען, וועלען זיי איבערלאָזען אויף הפקר זייערע ערשטצייטיגע פרוכט, מיט וועלכע זיי פייערען איצט זייער חג הבכורים.

דאָך, זייער וויסען און פערשטעהן זייערע פעהלערען קאָן ניט דער־שטיקען זייער דראַנג זיך אויסצודריקען באַלד ביי זייער אנהייב פריה־לינג, קאָן ניט מאַכען זיי וואַרטען אויף דער פולער צייטיגקייט אין שפּעטען הערבסט.

און עס איז אויך גוט אַזוי.

די אַלע יונגע דיכטער און דיכטערינס וועלכע בעטייליגען זיך אין אַט דער קליינער זאַמלונג, געהערען צום אַרבּייטער קלאַס. זיי שטרע־קען אוים זייערע פערמאַזאָלעטע הענד צו דער פעדער ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעאַרבּייט אַ שווערען אַרבּייטס טאָג אין שאַפּ.

ווער וויים וואו דער שיקזאַל וועט זיי פערטראָגען? וואס ער וועט מאַכען פון זייערע צאַרטע פיהלענדע הערצער אין דעם שווערען קאַמפּף וואס ערוואַרטעט זיי נאָך אין לעבען?

זאָלען זיי שרייבען און דרוקען כל זמן זיי זיינען יונג און פיהלען דעם דראַנג דערצו. עס איז ווערטה די אנשטרענגונג ווען זאגאר בלויז וועניגע וועלען דערגרייכען דעם ציעל.

איינגעוויקעלט אין נעבעל ערשיינט די ערשטע זאַמלונג פון די יונגע אידישע אַרבּייטער דיכטונג אין שיקאַגאָ. עס ווילט זיך האָפען אַז די צווייטע זאַמלונג וועט שוין ערשיינען אין פולער ליכט.

ק. מרמר

לידער

פון

בעסיע הערשפיעלד

ערינערונגען פון א זומער טאג

...און פערזונקען אין געדאנקען
בליהען אויף אין מיין זכרון
יענע חנ'ווידיגע יאהרען...

א שטראהל פון דער זון האט בעגילדט די האאר
פון דער יונגער און שעהנרע פאסטושקע;
ביים ברעג פון'ם טייך איז געשטאנען א בוים,
געקוקעט האט דארט א קוקושקע.

אויפ'ן טייך האבען שנעע־ווייסע שוואנען געשוואומען,
די קעפלעך מיט שטאלץ אויפגעהויבען;
פון צווישען די בערג האבען טשערעדעס שאף
זיך אראב צו דעם וואסער געצויגען.

באלד האט זיך דערהערט פון א פאסטוך א פייף,
וואס עס האט אין דער לופט אבגעקלונגען;
זי האט זיך א לאז געטהאן גלייך צו די בערג,
זיך לוסטיג פארנאנדערגעזונגען . . .

אויף יענער זייט טייך, פון א נאהענטען פעלד
עס האבען געטראגען זיך קלאנגען:
עס האבען געארבייט דארט יוגענד און גרייז,
געשניטען די צייטיגע זאנגען . . .

די זון איז ארונטער צווישען די בערג
דעם מערב מיט פייער געצונדען;
עס האבען זיך שאטענס פאנאנדערגעשפרייט,
באלד איז זי אין גאנצען פערשוואונדען . . .

מיט קאסעס און סערפעס בעלאדען די פלייצעס,
אהיים זיינען אלע געגאנגען;
עס האבען זיך טשער'דעס געצויגען אהיים,
בעגלייט פון'ם פאסטוך'ס געזאנגען . . .

זומער

דורך די גרינע טאָהלען
שנייט זיך דורך א וואסער,
אויף די גרינע בערגלאך
פיטערען זיך שאָף;
צווישען הויכע גראָזען
דרימעלט איין דער פאסטוך,
געהט פארביי א פויער —
וועקט איהם אויף פון שלאָף.

קומט א פרישער ווינטעל,
מורמעלט שטיל דאָס וואסער,
פליהט פארביי א פויגעל
ציטערט אויף די לופט;
און די גרינע ווערבעס
בויגען זיך צום וואסער,
און די לופט ווערט פול
מיט זיסען בלומען־דופט.

געהט ארוים מאריאנע
פונ'ם פויער'ס הייזעל
מיט א גרויסען עמער
אויסמעלקען די קיה,
ווארפט די זון איהרע
לעצטע רויטע שטראהלען,
צלמ'ט זיך א פויער
פאלט אויף זיינע קניע.

—און א הייסע תפילה
שעפטשען זיינע ליפען:
שיק אונז צו א רעגען,
אָ, דו גרויסער גאָט!
פון דער פריה ביז אָבענד
האָרעוועט שווער מיר און ביטער,
פערגעס ניט דיינע אָר'מע קינדער,
דו גרויסער, ליעבער גאָט!"

פריהלינג—געווידמעט מיינע שוועסטער

געדיינקט איהר, שוועסטער, איינמאָהל פריהלינג;
אין א העלען טאָג פון מאַי,
האָבען מיר געריסען בלומען
אומגעטאַנצט אין גאָרטען פריי . . .

איהר נאָך יונגע, פוהל מיט לעבען,
איך—אַ קינד נאָך זאָרגלאָז, פריי —
אומגעטאַנצט אין בלומען־גאָרטען,
אין א העלען טאָג פון מאַי.

צווייגלעך בעז, טולפּאַנען בלוי,
איינגעפלאָכטען אין די צעפּ,
צווישען גרינע סאמעט־גראָזען;
וויעגען זיך בעציערטע קעפּ . . .

ווייסע בליטען פון די בוימער,
בלומען־האָניג, זיסער דופט,
זיסעס טרעללען פון די פויגלען,
האָבען אָנגעפיהלט די לופט.

אָנגעריסען קרענץ מיט בלומען
האָבען מיר פארלאָזט דעם גאָרטען,
און אוועק צום קליינעם טייכעל
„ניעזאַבודקעס" זוכען דאָרטען.

„זעהט די בלימעלאך די בלויע,
פיעל זיי זיינען דא אין טאָהל!"
האָבען מיר פאר פרייד געזונגען,
און געריסען זיי אָהן צאָהל . . .

בין־השמשות איז געקומען,
מיט זיין כשוף וו[ei]ך, און צארט,
איינגערוימט א סוד אין אויער,
אַז עס קומט די שטילע נאכט.

אין די אָרעמס קרענץ מיט בלומען
זיך געזעגענט מיט דער זון,
האָבען מיר פיער יונגע שוועסטער,
זיך געלאָזען ווייט אהין:

—וואו עס שלענגעלט זיך אַ וועגעל
דורך דעם פעלד צום ווייסען הויז.
זאָגט מיר שוועסטער איז דאָס אמת
צו איז דאָס אַ חלום בלויז?...

גרויע נעבלען

גרויע נעבלען, גרויע נעבלען
אומעדום...
הענגט דאָס לעבען אין דער פינסטער
קאַלט און שטום.
גרויע נעבלען, גרויע נעבלען
אומעדום,
עמיץ אין דער פינסטער
בלאָנדזשעט אום...
עמיץ אין דער פינסטער
זוכט אַ וועג...
קומט צו אונז שוין שנעלער
פרייהייטס־טעג!

עס וויינט אַ נשמה

אין צימער ווערט דונקעל,
עס גוסס'ט אַ ליכט;
אַ שאָטען, אַ פיעדעל,
אַ בלאַסעס געזיכט...
— — — — — — — — — — — —
עס גיסען זיך טענער,
עס ציטערט אַ סטרונע;
עס פאַלט אויפ'ן פיעדעל
דער שיין פון לבנה...

דאָס פיעדעלע ציטערט,
דאָס פיעדעלע קרעכצט;
עס וויינט אַ נשמה:
נאָך ליעבע זי לעכצט...

עס וויינט אַ נשמה,
אַ בלאַסעס געזיכט,
עס גוסס'ט אַ ליכט...

שאָטענס

שפרייטען זיך שאָטענס פאַנאַנדער
וואַרפען אויף מיר אָן אַ שרעק . . .
דענק איך: ס'וועט קיינמאָל אין לעבען —
פון פינסטערניש נעהמען אַן עק . . .

הויבט אָן די זון אָבער לייכטען,
פיהל איך זיך מונטער און פריי!
דאַן ווילט זיך מיר אונשולדיג גלויבען —
אַז אַלעס ארום איז פריי . . .

קוק איך אויף דיין בלאסען פנים

1.

קוק איך אויף דיין בלאסען פנים,
לעז איך דאַרטען זעהר פיעל,
אַז דיין לעבען האָט קיין זינען,
אַז דיין לעבען האָט קיין ציעל...

ווארפסטו אויף. מיר שטומע בליקען,
וויים איך וואָס דיין הארץ פערלאַנגט;
זעה איך: אַז דיין יונגעס לעבען,
ווי אַ ליכטעל קוים עס צאַנקט.

2.

טרעף איך דיך אַמאָהל אין צימער,
מיט פערוויינטע מיעדע אויגען
וויים איך אַז אַ יונגע בוימעל
פון אַ שטורעם איינגעבויגען . . .

א ווינטער נאכט

—עס שלאָפט דער וואלד זיין לאַנגען ווינטער־שלאָף . . .
בעוועגלאָז די בוימער שטעהען,
ווי אַ בית־עולם, קוקט דאָס קליינע שטעדטעל אוים,
געהילט אין טיעפע שנייען . . .

ס'איז נאַכט...—אַ חנעוודיגע שמייכעלט, די לבנה,
עס פינקלען שטערענדלאך... דער הימעל לויטער־בלוי,
דער שניי פערוואנדעלט זיך אין דיאמאנטען, קריסטאלען,
עס זילבערט זיך פון שטויב, דער פראסטיג־וויסער טויה...

ס'איז שטיל ארום... די לופט איז דורכזיכטיג,
פון קוימען, שלענגעלט זיך דער רויך ארויף...
עס רייסט די שטילקייט דורך דאָס בילען פון אַ הונד;
וואָס טראָגט זיך וויט אוועק פון שכנ'ס הויף...

...און באלד, — אַן אנגענעהם געריוש, אַ קלאַנג פון גלעקעלאך...
אַ שליטען טראגט זיך דורך געשפאַנט מיט פערדלאך צוויי,
עס שטיפען יונגוואַרג דאָרט, עס הילכען געזאַנגען,
עס ציטערט אויף די לופט פון לוסטיגען געשריי . . .

אָ! איהר ווינטער־נעכט, פון קליין שטעדטעלע!
איהר האָט מיין יונגע הארץ מיט ליעבע פיעל געפאַנגען.
ניט איך וועל פיהלען מעהר פון אייך די צויבער־קראַפט,
וואָס האָט אָנגעפיהלט מיין הארץ מיט הערליכע פערלאַנגען!

א זומער־פרימארגען

חאפט זיך אויף פון זיסען שלאף דער מארגען. א פריש און קיהל ווינטעלע הויבט אן צו בלאזען, די נאכטליכע שאטענס, וועלכע האבען זיך ווי גייסטער אויסגעשפרייט אויף די פעלדער און גערטנער הויבען זיך אן ביסלעכווייז פאנאנדערצוגעהן. עס ווערט ליכטיגער און ליכטיגער...

— צופלאקערט זיך דער ווייטער מזרח, אין פייער־קאלירענדע פארבען, און די זון אין איהר גאנצער פריה־מארגעדיגער שעהנקייט קריכט ארויס פון אינטער'ן בארג, און זאגט אן איהרע מענשען־קינדער אז עס שטעלט זיך היינט א הייסער טאג...

די גרינע פעלדער אין גערטנער, וועלכע זיינען איינגעהילט אין זילבער־טויה שטייען ווי פערחלום'טע אין וועבען זייער בליהונגס טרוים.. די קאלירטע פריה־מארגען בלימעלאך ערוואכען פון זיסען שלאף מאכען אויף זייערע בלעטלאך און שטרעקען אויס זייערע סאמעטענע קעפלאך צו דער זון...

דורך דעם אפענעם פענסטער אין צימער, רייסט זיך אריין א דופטענדער שטראם פון פרישעם היי, עס דערטראגט זיך צום אויער דאס זיסע טרעללען פון פויגעלאך וועלכעס ציהט מיך אין דרויסען...

אין א ווײלע ארום געפין איך זיך שוין אין גארטען; צווישען גרינע קוסטעס קוקען איינציגווייז ארויס פוהלע, רויטע מאלינעס, פון וועלכע טראפענס טויה טריפען אראפ אויפ'ן גרינעם גראז. א האלב־גרינע און בלויע פלוים, וועלכע איז צוגעפאלען צו א בלעטעל קוקט ארויס פון אינטער א צווייגעל, אויף וועלכען א ברוינער „וואלעק“ (אזא מין ווארעם) מיט פייער־קאלירטע פינטעלאך האט זיך ברייטליך אויסגעצויגען...

ווי א גיגאנט קוקט אויס דער אלטער עפעל־בוים, פיל באלאדען מיט פרוכט, בויגען זיך די געדיכטע צווייגען צו דער ערד, און די נאך ניט צייטיגע עפעל הויבען זיך שוין אן צו רויטלען געגען דער זון.

די זון שטעהט שוין העכער, אין די שכנ'ישע הויפען ווערט לעבעדיג: בעל־הבית'טעס טרייבען ארויס די בהמות פון שטאל, מעלקען אן פיעלע מעלקשעפלעך מיט מילך, עס דערהערט זיך א טרו־טער־רו פון פאסטוך, מען עפענט אויף דעם טויער פון הויף, און דער פאסטוך פארנעמט די טשערעדע אין וואלד אריין.

פויערטעס מיט קאלירטע קליידלאך און פאטשיילעס קומען אן פון דער־בייאיגען דארף, באטען אהן זייער ארבייט אויף די גערטנער.

ווי נאר זיך געשטעלט צו דער ארבייט צוזינגען זיי זיך אויפ'ן מאלא־ראססישען שטיגער, אין זייערע זיסע געזאנגען קלינגען אפ ווייט ווייט איבער די פרייע גערטנער פון מאלאראססישען שטעדטעל...

ערצעהלונגען

פון

מאיר קויפמאן

די צוויי קונסט בילדער

אריינקומענדיג אין דער קונסט-בילדער גאלעריי, וואס געפינט זיך אין שענעם און פראכטפאלען קונסט מוזעאום פון דער גרויסער שטאדט ב... ווארפען זיך גלייך אין די אויגען צוויי מערקווירדיגע און אויסערגעוועהנליכע קונסט-בילדער וועלכע הענגען איינע נעבען דאס אנדערע, אזוי ווי זיי וואלטען געהאט עפעס א שייכות איינס צום צווייטען, און וועלכע זיינען אויך געמאהלען פון איינעם א בעריהמטען מאלער.

דאס ערשטע בילד רעכטס שטעלט מיט זיך פאר א מאדאנא, וואס כאראקטעריזירט די געטין פון אונשולד, א יונגע שעהנע פרוי, וועלכע שטעהט איינגעהילט אין ווייסען, האלטענדיג א קינד מיט דער רעכטער האנד נאהענט צו געטוליעט צו איהר ברוסט, איהר פאזע און איהר אויסדריק פון געזיכט דריקט אוים הייליגע גאטספארכטיגע צניעות, איהרע אויגען דריקען אויס טיעפע נאאיוויטעט.

דאס צווייטע בילד שטעלט מיט זיך פאר דאס געגענטייל פון דאס ערשטע. זי באראקטעריזירט די פאלגען פון לייכטזיניגקייט און פארדארבענהייט. דאס בילד שטעלט פאר א יונגע פרוי וועלכע איז טיעף געזונקען אין שמוציגען עקעלהאפטען אפגרונד פון אויסגעלאסענהייט, וועלכע זיצט ארום א צובראכענעם טיש אויף וועלכען עס איז אנגעשטעלט פלעשער מיט שארפע געטראנקען, און מיט דער רעכטער האנד טרינקט זי שוין אויס דעם לעצטען כוס פון איהר ביטערען לעבען.

אריינקוקענדיג טיעף אין די געזיכטער פוןביידע בילדער, קען מען זעהן דייטליך אז די „מאדעל״ מיידעל וועלכע האט פאזירט פאר דאס ערשטע בילד האט אויך ווארשיינליך פאזירט פאר׳ן צווייטען בילד; עס איז אויך זיך ניט אפצוואוואונדערען מיט וואס פאר א קינסטלערישען טאלאנט די בילדער זיינען געמאלען, ווייל עס איז צו זעהן דייטליך אין יעדען שטריך פון די בילדער, דאס אפשפיגלונג פון דעם קינסטלער׳ס טיעפע נשמה: וועלכער האט ווארשיינליך געהאט אנאהענטע בעריהרונג מיט די כאראקטערען פון די בילדער, פון וועלכע ער האט געצויגען זיין יניקה פאר זיין קינסטלערישער שאפונג.

און מען מוז צוגעבען, אז די צוויי קונסט-בילדער מוזען זיין פארבונדען מיט עפעס א אומגליקליכער פאסירונג, וועלכע זאל האבען געטראפען מיט דעם שעפער פון די צוויי קינסטלערישע מאראל בילדער.

אן אומבעהערשליכע ליידענשאפטליכע קראפט איז אויף מיר אנגע־פאלען דאן, אז ווען איך פלעג פארבייגעהן דעם מוזעאום, האט מיר שטענדיג געצויגען אריינצוגעהן אנקוקען די צוויי בילדער, פון וועלכע איך פלעג זיך ניט קענען אוועקרייסען.

און איינמאל שטעהענדיג געשפאנט פאר ענטציקונג און זיך ניט קע־נענדיג אפוואונדערען מיט וואס פאר א קונסטפאלע וואונדערבארע אריגינא־ליטעט די בילדער זיינען געמאלען, האב איך פלוצלונג דערהערט הינטער מיר א טיעפען זיפץ, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון דער טיעפעניש פון א פול אנגעוועהטאגטעם הארץ...

ווען איך האב זיך אומגעקעהרט האב איך דערזעהן א עלטערען מאן פון מיטעלען וואוקס אביסעל איינגעבויגען, האט זיך דערנעהענטערט צו די צוויי בילדער; און ווען ער האט איבערגעלעזען דעם אונטערשריפט וואס איז געווען אויסגעקריצט אויף א וויים מעטאלענעם בלעכעל, האט ער טיעף אפ־געזיפצט, און מיט א ציטערדיגע שטימע האט ער אזוי ווי צו זיך גערעדט:

„אך, מיין אסוואלד! מיין אסוואלד! ווי שרעקליך ער האט פון איהר געליטען"...

און אנקוקענדיג די בילדער, האט ער ווייטער צו זיך גערעדט: „אך, די פרויען! די פרויען! ווי לייכטזיניג און פערדארבען און בעטריגעריש זיי זיינען '...!'

ניט קאנענדיג זיך מעהר בעהערשען פון נייגעריגקייט, האב איך זיך צו איהם געווענדעט:

„ענטשולדיגט, ליעבער העדר! קענט איהר מיר ניט זאגען, צי האט איהר ווען געקאנט דעם מאלער פון דיזע בילדער?"...

ער האט אויף מיר אויפגעהויבען זיינע מאטע האלב אויסגעלאשענע אויגען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון אונטער זיינע בלאנדע ברעמען וואס זיינען ערטערווייז גראה געווען און אנקוקענדיג מיר פריינדליך, האט ער מיר געענטפערט:

„יא, מיין העדר! דער מאלער וועלכער האט דיזע בילדער געמאלען איז מיין אייגענער זוהן געווען".

און מיט נאך מעהר נייגעריגקייט האב איך איהם ווייטער געפרעגט: „קענט איהר מיר ניט זאגען, ליעבער העדר! מיט וועלכען אבזיכט האט אייער זוהן דיזע בילדער געמאלען?..."

ער האט ווייטער אויף מיר אויפגעהויבען זיינע אונרוהיגע מאטע אויגען און ארויסלאזענדיג א טיעפען זיפץ, האט ער מיר פריינדליך אנגעפאנ־גען דערצעהלען:

אכצעהן

„דיזע צוויי בילדער, מיין ליעבער הערר, זיינען די פאלגען פון א ליעבעס פאסירונג, וועלכע האט פאסירט מיט מיין זוהן".

„דאס איז געווען מיט אכט יאהר צוריק ווען מיין זוהן אסוואלד האט נאך שטודירט מאלעריי אין פאריז; זייענדיג אנוועזענד אויף איינעם פון די אריסטאקראטישע בעלער וואס איז געגעבען געווארען אין דער עהרע פון א בעריהמטען מאלער, וואו מיין זוהן איז געווען איינגעלאדען, האט ער זיך באקענט מיט א בעריהמטער זינגערין, וועלכע איז געווען די טאכטער פון א גרויסען געשעפטסמאן פון פאריז.

זי האט געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט ביים ערשטען אנבליק. איהר אויסערגעוועהנליכע רייצענדע שעהנקייט מיט וועלכער זי איז פון דער נאטור געווען באשאנקען, האט אויף איהם געמאכט א שטארקען איינדרוק. און נאך א קורצע צייט פון נאהענטע בעקאנטשאפט האט ער איהר פארגעשלאגען צו זי איז וויליג צו פאזירען פאר דיזען ערשטען בילד וואס הענגט דא, וועלכען ער האט דאן געהאט אין געדאנקען צו מאהלען, און פון וועלכען ער האט ביי א גרויסע אויסשטעלונג אין פאריז געקראגען אנערקענונג אלס טאלאנטפאָלער מאהלער פון ערשטען ראנג.

„זי האט זיין פארשלאג גלייך אנגענומען.

מאטילדא האט זי געהייסען, זי איז געווען רייצענד שעהן און קלוג, אביסעל לייכטזיניג, א פעך שווארצען קאפ האאר, שווארצע פייערדיגע אויגען, וואס האבען מיט פונקען פייער געשפריצט. איהר פעסט געבויטע פיגור איז געווען פון מיטעלען וואוקס. פון אנפאנג איז ער צו איהר געווען גלייכגילטיג, צוליעב איהר לייכטזיניגקייט, וואס זי פלעגט צייטענווייז ארויסווייזען, נאר אין א צייט ארום קאט ער איהר ליעב געקראגען און דאסזעלבע זי איהם. ער האט אויך געהאט אין געדאנקען איהר צו הייראטען. זי פלעגט זעהר אפט פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון זיינע פריינד, פון וועלכע איינעגע זיינען געווען בעריהמטע מאהלער, גרויסע מוזיקער און זשורנאליסטען.

אין א קורצע צייט ארום האט זי פלוצלונג אנגעפאנגען ארויסצייגען צו איהם א מאדנע גלייכגילטיגקייט, צו וועלכער ער האט גאר קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען. נאר איינמאל אין א שעהנעם פריה־מארגען איז ער ערשטוינט געווארען פון א פלוצלונגע איבערראשונג. אריינקומענדיג צו איהר אין צימער וואו זי האט געוואוינט, האט ער איהר מעהר שוין ניט געפונען, און ביי איהר אויף'ן ביורא האט ער געפונען א פארמאכטען בריעף, אין וועלכען זי טיילט איהם מיט אז זי ליעבט איהם ניט מעהר... זי ליעבט א צווייטען.

ער איז שטארק נידערגעשלאגען געווארען פון דעם, אויף איהם איז אנגעפאלען א שרעקליכע מרה־שחורה, פון גרויס ענטוישונג האט ער דאס

בילד וואס ער האט פון איהר געמאלען געוואלט פארניכטען, נאר איך האב איהם צוריקגעהאלטען פון דיזען שריט, טרייסטענדיג איהם, אז די ליעבע איז מעהר ניט ווי א נארישע איינבילדונג, און זי עקזיסטירט ניט אייביג...

„נאר ער — פלעגט מיר ענטפערען : — „ניין ליעבער פאטער ! די ליעבע איז א הייליגעס געפיהל וועלכע ערוואכט אין א מענשען'ס הארץ איבער וועלכע דאס מענשליכעס קען זיך ניט בעהערשען... די ליעבע איז א געט־ ליכעס פייער וואס עס צינדעט זיך אן אין א מענשענ'ס הארץ... און קיין זאך אין דער וועלט קען ניט אויסלעשען דיזען הייליגען פייער מיט וועלכען די מענשען זיינען פון דער נאטור בעשאנקען"...

„אין א יאהר ארום ווידערהאלענדיג זיך פון דער „ליעבעס קראנק־ הייט", פון וועלכע מיין זוהן האט געליטען און מאכענדיג פארטשריט אין זיין שטודיום איז איהם אויסגעקומען צו מאהלען א בילד צו וועלכען ער האט נאך א לאנגען זוכען קיין פאסענדע „מאדעל" ניט געקענט קריגען.

און איינמאל פארבייגעהענדיג א קאפע־הויז וואס האט זיך געפונען אין דעם ארימען קווארטאל פון פאריז, האט ער פלוצלונג דערהערט ווי עמעס א בעקאנטע שטימע האט געזונגען א ליעד בעגלייט פון א פיאנא. ארייינקו־ מענדיג אין דער קאפע זיינען זיינע בליקען גלייך געפאלען אויף א פרוי אין צוריסענע קליידער, וועלכע איז געזעסען ארום א טיש אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פלעשער מיט שארפע געטרענקע. צוקומענדיג נאהענט צום טיש, איז ער פלוצלונג אפגעשפרונגען פאר שרעק. דאס איז זי געוועזן... די זעלבע מאטילדא, זיין געליעבטע... איהרע שווארצע אויגען זיינען געוועזן מאט און אויסגעלאשען, איהרע אמאליגע רונדע ראזע באקען זיינען געוועזן בלאס און איינגעפאלען, איהרע פעך שווארצע האאר זיינען געוועזן צוואורפען איבער איהרע שולטערען. ער איז פאר גרויס שרעק שיער ניט געפאלען אין אהנ־ מאכט . . .

זי האט איהם אויך גלייך דערקאנט, זי איז צו זיינע פיס געפאלען און מיט הייסע טרעהרען אין די אויגען געבעטען ביי איהם פערצייהונג.

ער איז שטארק גערירט געווארען פון איהרע טרעהרען, און פון איהר טרויעריגען שיקזאל. ער האט איהר אהיים געבראכט, און האט פון איהר געמאהלען דיזען צווייטען בילד וואס איהר זעהט דא הענגענדיג. און אין א קורצע צייט ארום איז זי פון גרויס פערצווייפלונג, בעגאנגען זעלבסטמארד.

„און דיזע צוויי קונסט־בילדער וועלכע מיין זוהן האט פון איהר גע־ מאהלען, האט ער אוועקגעשענקט צו דעם מוזעאום, דאס זאל זיין אלס מאראל לעקציאן פאר דער וועלט !..."

ער איז שטיל אנשוויגען געווארען.

און שיידענדיג זיך מיט איהם זעהר פריינדליך זיינען מיר זיך צו־ גאנגען.

די פארוועלקטע בלום

אין דעם ביכער־שראנק וואס איז געשטאנען ביי מיין מוזיק לעהרער אין לעזע־צימער, האב איך איינמאל בעמערקט א מערקווירדיגען בוך וואס איז געווען איינגעדעקט אין א שווארצען טויל. אויפעפענענדיג דעם בוך האב איך געפונען א פערוועלקטע בלום, וואס איז געלעגען צווישען די בלעטער, און אויף'ן פארערבלאט פון בוך איז געשטאנען אנגעשריבען פאלגענדע ווערטער: „איך ליעבע און איך ווער געליעבט".

און ווען איך האב אויפמערקזאם געמאכט מיין מוזיק לעהרער וועגען דעם בוך און די פערוועלקטע בלום, האט ער מיר מיט א שטילען זיפץ געענטפערט: „די בלום, מיין פריינד, איז מיר פארבליבען אלס אייביגע אנדענקונג פון מיין יוגענד, פון מיין ערשטע ליעבע — ווען איך בין נאך געווען א סטודענט אין פעטראגראדער מוזיק־קאנסערוואטאריע".

קנייטשען האבען זיך אויף זיין הויכען ווייסען שטערען באוויזען, און זיין ערנסטע געזיכט איז טרויעריג געווארען. זיינע שווארצע גלאנציגע אויגען האבען זיך פארכמורעט, און ארויסלאזענדיג א שווערען קרעכץ האט ער שטיל אנגעפאנגען צו דערצעהלען:

„דאס איז געווען אין א שעהנעם זומער־טאג ווען איך האב „איהר" דאס ערשטע מאל געזעהען. די זון איז דאמאלס געשטאנען גאנץ הויך, און האט צושפרייט איהרע גאלדענע שטראהלען איבער'ן גאנצען האריזאנט, דער בלויער קלאהרער הימעל האט מאיעסטעטיש אראפגעקוקט אויף דער ערד, קליינע ווייסע וואלקענדלאך פלעגען זיך באוויזען אין דער הויך איבערן הימעל און פלעגען גלייך פארשווינדען, א ווארים מזרח־ווינטעל האט געבלאזען און געגלעט דאס געזיכט, די לופט איז געווען ווייך און ווארים.

איך בין געשטאנען ביי מיר אין צימער, ביי דעם אפענעם פענסטער וואס האט ארויסגעקוקט אין פארק געגען איבער מיין הויז, און איך האב געשפיעלט אויף מיין פיעדעל שובערט'ס „ניט פארענדיגטע סימפאני".

א גאלדענע זונען־שטראהל האט זיך אריינגעגנבעט דורך'ן גארדין פון מיין פענסטער, און איז ארויפגעפאלען אויף די נאטען וואס זיינען געלעגען פאר מיר, און האט מיר אנגעפאנגען צו בלענדען די אויגען אז איך האב געמוזט איבערייסען מיין שפיעלען.

און ווען איך האב ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער אויף'ן פארק, האב איך געזעהען ווי ער איז אינגאנצען איינגעטונקען אין זונען־שיין, די גרינע בלעטער אויף די ביימער האבען געשעמערירט אנטקעגען די גאלדענע זונען שטראהלען, און אלעס ארום איז געווען שעהן און פראכטפול.

אויף א באנק אין פארק וואס איז געשטאנען אן א זייט פונקט אנט־קעגען מיין פענסטער איז „זי״ געזעסן, איהרע בלאנדע האר באגאסען פון זונען־שיין האבען אויסגעזעהען ווי גאלדענע זיידענע פעדים. זי איז געזע־סען אנגעשפארט מיט איין האנד אן דער פארענטשע פון באנק, און קענטיג זיך צוגעהערט צו מיין שפיעלען, און ווען „זי״ האט מיר דערזעהן, קוקענדיג דורך׳ן פענסטער האט זי פערשעמט ארונטערגעלאזען איהרע הימעל־בלויע אויגען אויף׳ן בוך וואס איז געלעגען ביי איהר אויף׳ן שויס.

און אזוי יעדען טאג פלעג איך איהר זעהן זיצען אויף׳ן זעלבען באנק און זיך צוהערען צו די זיסע הארציגע טענער וואס פלעגען זיך ארויסרייסען פון אונטערן סמיק פון מיין פיעדעל מיט וועלכע איך פלעג שפיעלען פון שובערט, מאזארט, בעטהאווען, וואגנער א. ד. ג.

אליידענשאפטליכע נייגעריגקייט איז אויף מיר אנגעפאלען און איך האב זעהר שטארק געוואלט זיך בעקענען און וויסען ווער איז די פרויען־ווערזען וועמען מיין שפיעלען האט אזוי שטארק בעצויבערט ?״

„און איינמאל אין א שעהנעם טאג, ווען איך בין געזעסן אין פארק אויף׳ן זעלבען באנק וואו „זי״ פלעגט שטענדיג קומען זיך צוהערען צו מיין שפיעלען, זייענדיג פארטיעפט אין זיך צוהערען צו דעם זיסען געזאנג פון די פויגעלאך וואס האבען ארומגעשטיפט אין פארק, האב איך פלוצלונג דער־פיהלט ווי עפעס א שווערע זאך איז אראפגעפאלען אויף מיינע פיס, ערוואַ־כענדיג האבען זיך מיינע אויגען באגעגנט מיט צוויי פייערדיגע ליעבליכע בליקען... דאס איז „זי״ געוועז . . .

א זיס שמייכעלע האט זיך אויף איהרע ליפען באוויזען ווען איך האב איהר איבערגעבען דעם בוך וואס איז אונגערן ארויסגעפאלען פון איהרע הענד. זי האט זיך העפליך פאר מיר ענטשולדיגט און באדאנקט.

„און אזוי האב איך זיך מיט איהר באקאנט און יעדען טאג פלעג איך זיך מיט איהר טרעפען, מיר זיינען זעהר גוט באפריינדעט געווארען, און די פריינדשאפט איז פארוואנדעלט געווארען אין א הייסע ליעבע . . .

„איך געדענק דאס איז געווען איינמאל אין א שעהנער פריהלינגס־נאכט ווען מיר זיינען ביידע געזעסן אין פארק ביים ברעג פון שמאלען טייך וואס האט דורכגעשניטען דעם פארק, דער הימעל איז געווען אויסגע־שטערנט, די בלאסע לבנה וואס האט זיך אפגעשפיגעלט אין שטילען וואסער פון טייך האט אויף אונז אראפגעקוקט. א קיהלער ווינטעל האט געבלאזען, די בלעטער אויף די ביימער האבען געשעפטשעט א שטילע תפילה, די פויגע־לאך האבען געזונגען זייער אבענד־געזאנג ארומשוועבענדיג אין דער טונ־קעלער ווארימער לופט.

„זי איז געזעסן שטארק צוגעטולעט צו מיר און האט שטיל ארויס־געשעפטשעט די ווערטער : „איך ליעב דיר״... איך האב איהר שעהנעם

געזיכט באדעקט מיט הייסע קושען... איך האב ארויסגעריסען א שעהנע בליהענדע בלום, וואס איז געוואקסען אויף א בייט ניט וייט וואו מיר זיינען געזעסען, און האב איהר געגעבען זי זאל דאס באהאלטען אויף איין אנדענקונג פון דיזען אבענד . . .

„און זי איז געווען א פאלקאמענע שעהנהייט, זי האט באזעסען א הייסען טעמפעראמענט, אינטעליגענץ און בילדונג. א הויכע שלאנקע פיגור מיט א קלאהר ווייס לאנגע האלז, הימעל־בלויע טרוימערישע אויגען, א געשניצטען נאז מיט צוויי רונדע ראזע באקען, צוויי געטאקטע שעהנע ליפען, מיט מילך ווייסע צייהן ; א געטליכקייט האט אויף איהר שעהן געזיכט ארומגעשוועבט, און אנטקעגען די שיין פון דער לבנה האט זי אויסגעזעהן ווי א „סטאטוע" . . .

„איך האב איהר ליעב געהאט... איך האב אין איהר ליעבע געלעבט, איך האב געלעבט אין איהר אטהעם וואס איז געווען אזוי היס, איך האב געלעבט אין איהר צערטליכקייט, איך האב איהר געליעבט ביז צו משוגעת... איך זאג משוגעת. איז דאס ניט משוגע ווען פאר אייך עקזיסטירט נאר איין פערזאן ?... איין געשטאלט וואס שטעלט זיך אייך פאר איבעראל, און אומעדום !... מיט אייןווארט איך האב איהר געליעבט מיט דעם פולען ברען פון מיין הארצען...

„זי פלעגט אפט קומען צו מיר אין צימער, איך פלעג פאר איהר שפיעלען ליעבעס ליעדער, און זי פלעגט זיצען פארטרוימט און זיך צוהערען צו די זיסע, ליעבליכע לאסטשענדע טענער וואס פלעגען זיך צוגיסען איבער'ן צימער און אריינדריגען טיעף אין איהר הייליגע פערבענקטע נשמה.

„אין א צייט ארום איז זי פלוצלונג זעהר ערנסט קראנק געווארען פון א פארקיהלונג און געשטארבען...

„אויף מיר איז אנגעפאלען א שרעקליכע מרה־שחורה, און א פייניגענדע בענקשאפט... איך האב זיך דאס לעבען געוואלט נעהמען... איך בין אוועק צו איהר אין הויז וואו זי האט געלעבט און געאטעמט, איך האב זיך ניט געקאנט אוועקרייסען פון די פיער ווענט פון איהר צימער, וואו זי פלעגט אמאל ווי א מלאך ארומשוועבען, מיר האט זיך געדאכט דאס איך הער נאך אלץ איהר זיסע נאכטיגאל שטימע . . . איך בין געבליעבען שטעהן פאר דעם שפיעגעל וואו איהר געשטאלט פלעגט זיך אפשפיעגלען, איך האב זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין גלאז פון שפיעגעל, אפשר וועל איך ווידער דערזעהן איהר געטליכע געשטאלט... נור אומזיסט, דער שפיגעל איז געשטאנען באוועגלאז ניט וויסענדיג דאס ער האט פארלארען איינע פון זיינע לעבעדיגע וועזענס וואס פלעגט זיך אפט שפיגלען אין איהם...

ער איז געשטאנען קאלט מורא'דיג קאלט...

איך האב לאנג ארומגעגאנגען אין איהר צימער, ארומגעקוקט די קאלטע פיער ווענט. אפשר וועט זיך מיר באווייזען עפעס וואס וועט שטילען מיין פיין, מיין וועה... אבער אומזיסט...

„די נאכט האט זיך גענומען דערנעהענטערען, דונקעלע שאטענס האבען זיך גענומען צושפרייטען און ארומטאנצען איבער די טונקעלע ווענט פון צימער, עס איז אויף מיר אנגעפאלען א שרעק, און איך האב שוין געוואלט פארלאזען דעם צימער; — נאר פלוצלונג האב איך דערזעהן אין א ווינקעל ניט ווייט פון איהר בעט, א קליין טישעלע אויף וועלכען דיזער „בוך" איז געלעגען דורך וועלכען איך האב זיך מיט איהר ציפעליג באקאנט. עפענענדיג דעם בוך האב איך געפונען „די בלום" וואס איך האב „איהר" געגעבען אלס אנדענקונג פון יענע „לבנה נאכט"...

— — — — — — — — — — — —

ער האט שווער אפגעזיפצט, און אפווישענדיג דעם קאלטען שווייס פון זיין טרויעריג פנים, איז ער שטיל אנטשוויגען געווארען.

כל נדרי

דער גרויסער פראכטפאלער קונסט-טעאטער, וועלכער איז געווען דער פלאץ פאר לויטער קינסטלער, איז שוין געווען פול מיט א אינטעליגענטען פובליקום וועלכער איז געקומען הערען דעם יונגען וואונדערבארען פידעל־ווירטואזא וועלכער האט זיך בעריהמט געמאכט איבער׳ן לאנד מיט זיין וואונדערבארען פידעל שפיעלען.

ענדליך האט זיך דער פארהאנג אויפגעהויבען, און אין איינינע מינוטען ארום האט זיך באוויזען אויף דער ביהנע דער יונגער טאלאנטפאלער זשעני, וועלכער איז באגריסט געווארען פון פובליקום מיט א דונער פון אפלאדיסמענטען, און ער איז בעשאטען געווארען מיט א ים פון פרישע דופטענדע בלומען . דער קינסטלער האט אויף דער שטורמישער באגריסונג געענטפערט מיט א זיסען ליעבליכען שמייכעל, ער האט זיך פארנייגט פאר׳ן פובליקום מיט זיין קאפ שווארצע געקרייזעלטע האר און באלד אנגעריהרט מיט זיין סמיק די סטרונעס פון זיין צויבער פיעדעל.

יכפע הארציגע טענער האבען זיך געגאסען און געגאסען ווי זיסע וואסער פון א טיעפען קוואל, און געלאסטשעט און געריהרט יעדען׳ס הארץ, און אריינגעדרונגען טיעף אין יעדען׳ס נשמה. דער גאנצער קונסט־טעמפעל איז פארוואנדעלט געווארען אין א גארטען פון זיסע טרוימען און האפנונגען, וואו דאס לעבען איז זיס, און מען ווייס ניט פון קיין ארמוטה און נויט...

ווען ער האט געענדיגט דעם ערשטען נומער פון פראגראם, האט נאך א שטארקערער דונער פון אפלאדיסמענטען ווי פריהער אויסגעבראכען, וואס האט אנגעהאלטען ביז וואנען דער קינסטלער האט אנגעפאנגען דעם צווייטען נומער פון פראגראם, און דאס איז געווען ,,כל נדרי״.

א טיעפע טרויערינקייט איז אויסגעגאסען געווארן אויף זיין שעהנעם געזיכט, ער איז געשטאנען אין א בעוועגלאזע פאזע, און עס האט אויסגעזעהן ווי ער איז פארזונקען אין א שטארקען שלאף און מעהר ניט ווי זיין רעכטע האנד מיט וועלכע ער האט געשפיעלט האט זיך מיט אן אונגעוועהנליכע קראפט בעוועגט איבער זיין צויבער פידעל, פון וועלכען עס האבען זיך ארויסגעריסען די אומעטיגע הארציגע מעלאנכאלישע טענער פון ,,כל נדרי״.

פלוצלונג האט ער מיט שטורמישער קראפט אנגעפאנגען צו שפיעלען אזוי ווי ער וואלט זיך פון א שרעקליכען שלאף אויפגעכאפט, און ער האט געשפיעלט מיט אזא ווילדע וואהנזיניגע בעגייסטערונג, דאס מען האט געקענט

זעהן אז עפּעס שרעקליכעס און טרויעריגעס וועט מיט איהם באלד פּאסירען, און ווירקליך האָט ער זיך באלד געגעבען א שטאַרקען טרייסעל און געפאלען אין אָהנמאַכט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געקומען עטוואָס צו זיך, האָט ער זיך געפונען אין איינעם פון די טואַלעט־צימערען וואָס האָבען זיך געפונען אין טעאַטער, ער האָט געעפענט זיינע שווארצע אויסגעגלאָצטע אויגען, און א בליק טהוענדיג אויף אַלע פאַרזאַמעלטע וואָס האָבען זיך געפונען אין צימער, האָט ער מיט פאַרשטיקטע טרויעריגע שטימע דערצעהלט פאָלגענדעס:

„דאָס איז געווען מיט צוויי יאָהר צוריק ווען איך האָב פאַרבראַכט מיין זומער צייט, ניט וויט פון דער שטאָדט נ. דאָס הויז אין וועלכען איך האָב געוואָהנט איז געשטאַנען אויף'ן מיטען פעלד, רעכטס האָט זיך געצויגען א לאַנגליך געדיכטער סאָסנאָווער וואלד, לינקס איז געלאָפען א ברייטע פעלד מיט געדיכטע קאָרען, א שמאָלער וועג האָט דורכגעשניטען דאָס פעלד, פאַרביי מיין הויז וועלכע עס האָט געפיהרט צו דער וואָהנונג פון דעם רייכען גוט־בעזיצער וועלכער האָט דאָרט געוואוינט.

„איינמאָל אין א שעהנעם פאַרנאַכט, די זון האָט שוין געהאַלטען ביי אונטערגעהן, דער הימעל אין מערב זייט איז געווען איינגעהילט אין א טונקעל־רויטליכען פייער וועלכער האָט בעגאָסען די שפּיץ בוימער פון וואלד, און זיך אָפּגעשלאָגען אויף די שויבען פון די פענסטער פון מיין הויז. די לופט איז געווען ווארים און מילד, א געהיימניספאָלע שטילקייט האָט געהערשט איבער'ן גאַנצען האָריזאָנט, און די צייט האָט זיך געצויגען מאָנאָטאָן און לאַנגווייליג. איך בין געשטאַנען ביי דעם אָפענעם פענסטער פון מיין הויז וואָס האָט ארויסגעקוקט אין פעלד און געשפּיעלט אויף מיין פידעל „כל נדרי", זייענדיג פאַרטיעפט אין שפּיעלען האָב איך גאַרניט געהערט ווי די טהיר פון מיין הויז האָט זיך געעפענט, און פאַר מיינע אויגען האָט זיך בעוויזען א פרויען געשטאַלט וועלכע איז געשטאַנען בעוועגלאָז. פון גרויס איבעראשונג איז מיין פיעדעל שיער ניט ארויסגעפאַלען פון האַנד, און צוקומענדיג נעהנטער צו איהר האָב איך איהר דערקאַנט, דאָס איז געווען די יונגע טאָכטער פון דעם רייכען גוט־בעזיצער.

אויף מיין פראַגע: ווי אַזוי זי קומט אָהער ביי מיר אין הויז, האָט זי מיר געענטפערט, דאָס די זיסע האַרציגע טענער פון „כל נדרי" וועלכע האָבען זיך דורכגעריסען דורך'ן אָפענעם פענסטער האָבען איהר שטאַרק בעצויבערט, און אַזוי ווי א מאַגנעטישע קראַפט האָט איהר געצויגען אריינצוגעהן אין הויז און זעהן ווער עס שפּיעלט די זיסע מעלאָדיע. איך האָב איהר ערקלעהרט דאָס דיזע טענער פון „כל נדרי", זיינען די קרעכצען און זיפצען פון א מאַרטירער פאָלק וואָס איז געפּייניגט געוואָרען און געקרייציגט אויף די אויטאָ־דעפעס, און ווערט נאָך פערפאָלגט ביז היינטיגען טאָג, און ער־

פילענדיג איהר פאַרלאַנג האָב איך נאָך אַמאָל געשפּיעלט פאַר איהר „כל נדרי”.

עס איז געוואָרען שפּעט אין אָבענד. דער הימעל אין דרויסען איז געוואָרען פאַרוואָלקענט און האָט אַראָפּגעקוקט ברוגז'דיג, די בלאַסע לבנה האָט זיך פאַררוקט אונטער די וואָלקענס, א שטאַרקער צפון־ווינד האָט גענו־מען בלאָזען און עס האָט אויסגעזעהען ווי פאַר א שטורם אויסברוך. פון מיין הויז צו איהר וואָהנונג איז געווען א שטיק וועג, און ניט וועלענדיג איהר לאָזען אַליין געהן אַהיים איבער'ן פעלד שפּעט אין אָבענד, האָב איך איהר פאָרגעשלאָגען צו בעגלייטען איהר אַהיים, זי האָט מיין פאָרשלאָג זעהר פריינדליך אָנגענומען.

פּלוצלונג האָט אויף'ן וועג אויסגעבראָכען א שרעקליכער שטורם, א שלאַקס רעגען האָט גענומען גיסען מיט א שרעקליכען כעס, און עס האָט אָנגעפאַנגען צו דונערען און בליצען, מיר זיינען זעהר שטאַרק געוואָרען אויס־געווייקט פון רעגען, איבערהויפּט זי וועלכע איז געגאַנגען לייכט געקליידעט, איהר ווייסע האַלב זיידענע קלייד, איז געווען זעהר דורכגעווייקט פון רעגען, איהר האָר זיינען געווען שרעקליך נאַס, איך האָב איהר צוגעפיהרט נאָהענט צו איהר הויז, און איך האָב זיך אומגעקעהרט אַהיים א נאַסער פון רעגען.

אויף מאָרגען האָב איך ערפאַהרען אַז זי ליגט אין בעט אין א קראַנ־קען צושטאַנד פאַרקיהלענדיג זיך פון נעכטען קומענדיג אַהיים א נאַסע, און אין א פּאָר טעג אַרום האָט מען מיר פּלוצלונג אָנגעזאָגט דאָס איהר לאַגע איז זעהר קריטיש, און איהר פאַרלאַנג איז, דאָס איך זאָל באַלד קומען און אויך מיטברייגנען די פידעל אויף וועלכען איך האָב דאַמאָלס געשפּיעלט...

„אריינקומענדיג צו איהר אין צימער האָב איך איהר געפונען אין א שטערבענדען צושטאַנד, איהר געזיכט איז געווען טויט בלאַס, ווי די ווייסע קישען אויף וועלכע איהר קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט, איהרע רונדע באַ־קען זיינען געווען איינגעפאַלען, איהרע טונקעל־בלויע אויגען זיינען געווען אויסגעלאָשען, א טויטע שטילקייט האָט ארומגעשוועבט איבער איהר צימער, און ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי א טיפען זיפץ ארויסגעלאָזען, און אויפהויבענדיג אויף מיר איהרע מאַטע אויסגעלאָשענע אויגען האָט זי מיט'ן האַנד אָנגעוויזען אויף מיין פידעל, און זי האָט מיך געבעטען דאָס איך זאָל פאַר איהר שפּיעלען „כל נדרי' צום לעצטען מאָל איידער זי שטאַרבט...

איך האָב איהר פערלאַנג גלייך ערפילט. זי איז געלעגען אויף איהר בעט מיט אויסגעגלאַצטע אויגען, און זיך צוגעהערט צו די אומעטיגע, מע־לאַנכאָלישע הארציגע טענער... און פּלוצלונג האָט זיך א שרעקליכער קרעכץ ארויסגעריסען פון איהר קראַנקער ברוסט, און איז אָנידערגעפאַלען, צומאַ־כענדיג איהרע אויגען...

,,זי איז געווען טויט...

אויף מיר איז אַנגעפאלען א שרעקליכע מרה־שחורה, איך בין אריינ־געפאלען אין א שרעקליכע פארצווייפלונג, איך בין ארומגעגאנגען ווי א וואהנ־זיניגער ליידענדיג שרעקליך פון געוויסענסביסע, אזוי ווי איך וואלט געווען דער שולדיגער אין איהר טויט, אן אויף יעדען טריט און שריט פלעגט זיך מיר פאָרשטעלען איהר טויטע בלאסע געשטאַלט, און ווי א געשפּאַנסט, פלעגט זי מיך פארפאָלגען...

,,פון דאמאָלסט אן האָב איך ,,כל נדרי" ניט געשפּיעלט ביז היינט אבענד, און היינט אבענד ווען איך האָב אָנגעפאנגען צו שפּיעלען ,,כל נדרי", האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט יענער לבנה אבענד, און פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען איהר טויטע ווייסע פיגור מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו מיר, איהרע אויגען זיינען געווען שרעקליך אויסגעגלאָצט, און געקוקט אויף מיר מיט א טיעפען מיטלייד...

טרעהרען האָבען איהם גענומען שטיקען אין האלדז, און ארויסלאָז א טיעפען זיפץ איז ער שטיל אנשוויגען געוואָרען...

אין א שטורם נאכט

דער זייגער האט געשלאגען אכט...

אין דרויסען האט געברענט א ברענענדיגער פראסט, א קאלט שנייי־דענדער שטורם־ווינד האט געבושעוועט, געבלאזען און געקלאפט אין די פענס־טער מיט א גרויזאמען צארן.

די בוימער וואס זיינען געשטאנען אין פארק נאקעטע און פערפרארענע, האבען זיך געבויגען און זיך געדרעהט אין דרייען, און געקרעכצט פון שרעקלי־כען שטורם־ווינד, וואס וויל אלעס מיט איין מאל אומברענגען, און די בוימער מיט די ווארצלען פון דער ערד ארויסרייסען.

דער שנעע, וואס איז געפאלען זייט צוויי טעג, איז געווארען געטריבען פון שטורם־ווינד, זיך געדרעהט א קאדריל איבער'ן גאס און געווארען געיאגט פון איין ארט אויף'ן צווייטען, און זיך אפגעקלאפט מיט א האסטיגען קלאפ אויף די פארפרוירענע שויבען פון פענסטער, וואס זיינען געווען אויסגעמאלט מיט שעהנע, ווייסע פראכטפאלע בלומען.

אויף'ן הארצען איז געווען אומעטיג און טריעב. א שטילע בענקשאפט האט ארומגעשוועבט אין דער לופט. ארויסגעהן אין גאס איז געווען אן אימה, פאר דעם שרעקליכען שטורם־ווינד, וואס ברומט ווי א ווילדע חיה, קלאפט און רייסט און יאגט אלעס וואס קומט איהם אין וועג, און וויל אלעס מיט אמאל פארניכטען.

דער פייער וואס האט געברענט אין קאמין פון פארלאר, האט געברענט עפעס אונגעוועהנליכער ווי אלע מאל ; וואס אמאל האט ער זיך פאנאנדער־געפלאקערט אלץ שטארקער און שטארקער, אזוי ווי ער וואלט געקעמפפט מיט דעם ביטערען פראסט און שרעקליכען שטורם־ווינד וואס האט געבושעוועט אין דרויסען.

זיין פורפור־רויטער מאטער שיין יואס האט זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם העלען רויטען שיין וואס האט ארויסגעשלאגען פון אונטער דעם רויטען אבאזשור פון פלאר־לאמפ, וואס שטעהט ניט ווייט פון קאמין, איז ארויפגעפא־לען אויף די טונקעלע וועגד און אויף אלע פארטרעטען וואס הענגען אויף די וועגד און אויף די צוויי מארמארנע סטאטועז פון מאזארט און בעטהאווען, וואס שטעהען איבער'ן ביכער שראנק. און אלעס וואס געפינט זיך אין פארלאר ווערט איינגעטונקט אין א ים פון טונקעל־רויטען פייער און עס קוקט אויס ווי דער גאנצער פארלאר איז איינגעהילט אין א פאנטאסטישען צויבער מאנטעל.

איך בין געזעסען אין א ווייכען ברייטען וויעג־שטוהל נעבען קאמין אין פארלאר. ביי דעם רויטען שיין פון פייער האב איך געלעזען א זאמעל־בוך פון געקליבענע אייראפעאישע שרייבער, און זייענדיג פארטיעפט אין איינע פון די ליטעראַרישע נאוועלען וואס געפינען זיך אין דעם זאמעל־בוך, ווער איך פלוצלונג אונטערבראכען פון א שרעקליכען קלאפ און טרייסעל אין די שויבען פון די פענסטער פון דעם שטורם־ווינד וואס בושעוועט אין דרויסען, אז איך ווער אזש פון שרעק פארציטערט און מיינע בליקען פאלען דאן אויף די טונקעלע ווענד און אויף אלעס וואס באדט זיך אין׳ם רויטקייט. און מיר דאכט זיך, אז איך געפין זיך ערגעץ ווייט אוועק, אין אן אנדער וועלט, אין א צויבער וועלט... און איך הויב זיך אן דערמאהנען פון פארשיעדענע מעשיות און געשיכטעס פון „טויזענד און איין נאכט”, און מיין פאנטאזיע ווערט בעפליגעלט און איך הויב אן צו פליהען אויף די פליגעל פון מיין פאנטאזיע ווייט, ווייט אוועק...

— — — — — — — — — — — — —

...און עס שטעלט זיך מיר פאר, דאס איך געפין זיך אין א רייכען פראכטפאלען פאלאץ, פון דרויסען האט עס געהאט דעם אויסזעהן פון א וואונדערבארען קונסט טעמפעל. די ארכיטעקטור איז געווען קונסטפאל.

א ים מיט פייער האט ארויסגעשטראמט פון די הויכע פענסטער פון פאלאץ און עס האט אויסגעקוקט ווי דער גאנצער פאלאץ פון אינווייניג איז איינגעהילט אין א שרעקליכען פייער.

פלוצלונג האט זיך א געהיימניספאלע טהיר געעפענט און עפעס ווי א געהיימע קראפט וואלט מיך געצויגען אהין, וואו די טהיר האט זיך געעפענט און איך בין ערשטוינט געווארען פון ענטציקונג וואס איך האב דערזעהן.

א פראכטפאל־רייכער זאל, וואו די ווענד זיינען געווען פון מארמאר שטיין געבויט. א גרויסער הענג־לאמפ, וואס איז געווען בעזעצט מיט הונדערטע קליינע עלעקטרישע לעמפלאך, וואס האבען געלויכטען און געפינקעלט מיט א שטארקע ליכטיגקייט, אזש די אויגען האבען געבלענדט פון שטארקען שיין, איז אראפגעהאנגען איבער א לאנגען, ווייס־בעדעקטען טיש, וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט ווייסע שטוהלען, וואס איז געשטאנען אין דער לענג פון גרויסען זאל.

ביי די מארמארנע ווענד, וואס זיינען געווען בעהאנגען מיט גרויסע קינסטלערישע אויל־געפארבטע בילדער, זיינען געשטאנען ווייסע מארמארנע סטאטוען.

עס האט מיר געצויגען אהין, וואו די סטאטוען זיינען געשטאנען. איך בין פלוצלונג פאר שרעק פארציטערט געווארען, קוקענדיג אויף די סטאטוען.

נעבען איין וואנד, רעכטס, וואו עס איז געהאנגען א קונסטפאלער פארטרעט, האב איך דייטליך געזעהען און דערקענט די געשטאלטען פון שעקס־

פיער, געהטא, שילער, היינע און מאהלער. ביי דער צווייטער וואנד אנטקעגען האב איך געזעהען די סטאטועס פון גאגאל, פושקין, אנדרעיעוו, טורגענעוו, טאלסטאי. זיי זיינען געשטאנען אין א פאזע, דאס עס האט אויסגעקוקט ווי זיי וואלטען געהאט צווישען זיך עפעס א געהיימע וויכטיגע בעראטונג.

א שרעק האט מיר ארומגעכאפט, מיינע פיס האבען אנגעפאנגען צו ציטערען און וואקלען. עס האט מיר אלץ געצויגען אהין, ביי דער מיטען וואנד, וואו עס זיינען געשטאנען די סטאטועס פון אונזערע אידישע שרייבער.

איך האב דייטליך געזעהען די לייכטענדע געשטאלטען פון פרץ, שלום עליכם, פרוג, מענדעלע, און ביי דער זייט איז געשטאנען די ערנסטע געזיכט פון יעקב גארדין.

א טויט שרעק איז אויף מיר ארויפגעפאלען, ווען איך האב דערזעהן ווי די מארמארנע סטאטועס האבען זיך אנגעפאנגען בעוועגען, און זיך דער־נעהנטערט צום וויים־געדעקטען טיש, וואס איז געשטאנען אין דער לענג פון זאל און זיי האבען זיך געזעצט אויף די שטוהלען ארום טיש. אויף זייערע טויט־בלאסע געזיכטער איז געווען אויסגעגאסען עפעס טרויעריגעס און אין זייערע באוועגונגען האט מען דייטליך געקענט זעהן ווי זיי וואלטען זיך געריכט אויף עפעס שרעקליכעס, און ווי זיי ואלטען צווישען זיך געהאט א וויכטיגע ערנסטע בעראטונג.

הענד און פיס האבען מיר געציטערט פאר פחד. איך האב געמיינט דאס איך פאל אין אהנמאכט.

פלוצלונג האט זיך א מעכטיגע קלאהרע שטימע געלאזט הערען איבער'ן גאנצען זאל און זייערע ווייסע טויטע געזיכטער האבען געקעהרט אין דער ריכטונג פון וואנען די שטימע איז געקומען. די שטימע האט אלץ געקלונ־גען העכער און קלאהרער, אין מיין ריכטונג, וואו איך בין געשטאנען אין ווינ־קעל פאר שרעק. איך האב קלאהר און דייטליך געהערט די ווערטער:

דו ערדען מענש! וואס איז נייעס אויף דער וועלט? בעגעהען נאך אלץ די מענשען די זעלבע רומהייטען?... זיינען נאך אלץ די מענשען אויף דער ערד פארדארבען, און פארזונקען אין בלוטיגען אפגרונד?... איז נאך אלץ די ערד איינגעהילט אין א בלוטיגען שפיעל?...

און די שטימע האט אלץ שטארקער און קלאהרער גערעדט און גערעדט.

דו ערדען מענש! נידער אויף דער ערד און זאג די מענשען, דאס א גרויסער בלוטיגער ים־שטראם ארום אונז... די בלוטיגע כוואליעס דער־גרייכען שוין אזש אין דעם רוהם פון דער עוויגקייט... די מענשליכע וועה־געשרייען דערגרייכען שוין אזש די הימלען...

און די שטימע האט אנגעפאנגען צו קלינגען אלץ שטילער און שטילער און די הונדערטע לעמפלאך וואס האבען געלויכטען מיט א שטארקע ליכטיג־

קיט, האָבען אָנגעפאַנגען צו לייכטען טונקעלער און טונקעלער, און איך האָב פאַר מויט שרעק אָנגעפאַנגען צו שרייען אַזוי ווי ניט מיט מיין קול, און איך בין אומגעפאַלען אויף דער ערד...

— — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, בין איך געלעגען אויף דער ערד, דער זאַמעל בוך וואָס איך האָב געלעזען איז געלעגען לעבען מיר אָן אָפענער.

אין דרויסען האָט אַלץ מיט מעהר שטאַרקהייט געבושעוועט דער שטורם־ווינד. דער פייער אין קאַמין האָט געברענט שוואַכער ווי פריהער, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן אָפּגעשוואַכט פון מעכטיגען קאַמף מיט'ן בייזען שטורם ווינד און ביטערען פראָסט וואָס האָט נאָך אַלץ געהערשט אין דרויסען. די טונקעל־רויטע שאָטענס וואָס זיינען געווען צולייגט אויף די ווענד און אויף אַלעס וואָס האָט זיך געפונען אין פּאַרלאָר, האָבען שוין מעהר ניט געשראָקען ווי פריהער... דער זייגער האָט געשלאָגען ניין.

און אין מיינע אויערען האָט נאָך אַלץ געקלונגען די אונזעהבאַרע קלאָהרע געהיימניספולע שטימע...



דער וואנדערער

דורך א לאנגען זאמדיגען וועג וואס האט זיך געצויגען איבער די ברייטע ווילד־באוואקסענע פעלדער פון אייראפא, האט מיט א צייט צוריק איינזאם געוואנדערט אן אלטער וואנדערער, מיט זיין קרומען וואנדער־שטעקען אין זיין רעכטע האנד, און מיט א שווערען פאק אויף זיין דארען אויסגעקרימטען איינגעבויגענעם רוקען. אויף זיין פארעלטערטען ווילד־באוואקסענעם געזיכט פון וועלכען עס האבען ארויסגעקוקט צוויי מאטע אויסגעלאשענע אויגען איז געווען אויסגעגאסען א טיעפער צער און א ביטערער יאוש. אויף זיינע אלטע צוריסענע קליידער מיט זאמד־פארשטויבטע שיך איז געווען אויסגעלעגט די צייכענס פון א לאנג, לאנגען וואנדער־לעבען.

און אזוי וואנדערענדיג פון דארף צו דארף, פון שטאדט צו שטאדט איז ער ענדליך איינמאל אין א שעהנעם פארנאכט אנגעקומען אין דער קליינער שטעדטעלע ס. וואס ליגט ביים ברעג פון פאס טייך וואס ציהט זיך פון טייך ניעמאן.

ער האט אראבגענומען פון זיין אויסגעקרומטען רוקען דעם שווערען פאק וואס ער האט געטראגען, און ארויסלאזענדיג א טיעפען קרעכץ האט ער איהם אוועקגעלייגט אונטער׳ן בוים, וואס איז געשטאנען ביים ברעג פון קלאהרען טייך און אונטער וועלכען ער האט בעשלאסען צו האלטען נאכטלעגער. און אום צו שטילען זיין פיינליכען דורשט, איז ער צוגעגאנגען צום טייך און האט זיך אוועקגעשטעלט אויף זיינע קניע, און איינבויגענדיג זיך מיט זיין גאנצען קערפער צום וואסער, האט ער זיך אנגעטרונקען מיט דעם ווארעמען אנגעברענטען וואסער וואס איז געווען אנגעברענט פון דער זון.

און שטילענדיג זיין אונערטרעגליכען דורשט האט ער זיך אנידערגעזעצט אונטערן בוים, אנשפארענדיג אן איהם זיין מיעד־פארמאטערטען שוואכען קערפער פון א גאנצען טאג וואנדערען.

עס איז געווען ענדע א הייסען זומער־טאג : די זון איז שוין געווען פארגאנגען און האט איבערגעלאזען איבער׳ן הימעל בלוט־רויטע פלעקען וואס האבען זיך אפגעשפיגעלט אין קלאהרען פליסענדען וואסער פון טייך, וואס האט אויסגעזעהן ווי א פליסענדער בלוטיגער שטראם.

אין א דונקעלען פורפור־רויטען צויבער מאנטעל איז געווען איינגעהילט דער גאנצער האריזאנט. עס האט זיך געהערט דאס שטילע פליסטערען פון דעם שטראמענדען קלאהרען וואסער, און די גרינע בלעטער אויף׳ן בוים וואס זיינען געווען באגאסען פון רויטען־שיין האבען זיך שטיל געסוד׳עט, און

אונטער'ן זיסען הארמאָנישען געזאנג פון די פויגעלאך וואָס האָבען ארומגע־שטיפט אין דער געהיימניספאָלער דונקעלער ווארעמער לופט, איז א מיעדע צעוועהטאָגטע, פארוואָגעלטע נשמה פון א איינזאמען וואנדערער, אנדרימעלט געוואָרען אין די דונקעלע געהיימניספולע צויבער־שאָטענס פון דער אנקור־מענדער נאכט.

— — — — — — — — — — — — —

מיט דעם ערוואכטען פריה־מאָרגען וואָס איז בעגעגענט געוואָרן מיט דעם זיסען געזאנג פון די פויגעלאך, האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיין זיסען שלאף. די זון האט זיך צושפרייט איבערן האָריזאָנט מיט איהר פולער פראכט און גלאנץ, דער הימעל איז געווען לויטער קלאָהר און האט זיך מאַיעסטעטיש אפגעשפיגעלט אין דעם פליסענדען וואסער פון טייך וואס איז געווען באגאָסען מיט גאָלדענע זונען־שטראהלען, פון דערווייטענס האט מען געזעהן זיך אראפּ־נידערען פון גרינעם סאמעטענעם בארג וואס איז געשטאנען רעכטס ווי א וועכטער, א יונגען פאסטוך מיט זיין סטאדע שעפסען וואס האבען זיך דער־נעהענטערט אלץ נעהנטער צום קלאָהרען טייך. און דערזעהענדיג דעם וואנ־דערער זיצענדיג אונטערן בוים האט ער זיך פלוצלונג פארוואונדערט אפגע־שטעלט, און מיט נייגעריגע פארוואונדערטע אויסגעגלאָצטע אויגען איז ער צוגעגאנגען צום בוים וואו דער וואנדערער איז געזעסען, און ער האט איהם אינסטינקטיוו באגריסט.

א לאנגע צייט האבען זיי זיך ביידע פארוואונדערט אנגעקוקט, אזוי ווי זיי וואלטען עפעס איינע אין די אנדערע וואונדערבארעם דערזעהן, און נאך א לאנגען שטיל־שווייגען האט זיך דער וואנדערער אפגערופען:

„גוט מאָרגען, הערר! וואָס וועט איהר גוטעס זאָגען?"

און דער פאסטוך האט זיך אוועקגעזעצט אויף די גרינע גראָז נעבען איהם און בעטראכטענדיג איהם מיט אויסגעגלאָצטע אויגען זיין ווילד־בע־וואקסענעם אלט־צוקנייטשטען געזיכט מיט זיינע צוריסענע פערשטויבטע קליידער, האט ער איהם מיט נייגעריגע בליקען געפרעגט, פון וואנען ער קומט און וואס מאכט איהם אזוי צו וואנדערען איבער דער וועלט איינזאם אליין אהן א ציעל און אהן א ברעג:

און דער וואנדערער האט זיך פלוצלונג פארטראכט און ארויסגלאָזענדיג א טיעפען זיפץ, האט ער פלוצלונג אויסגעגלאָצט זיינע מאטע גרויע אויגען וואס האבען געקוקט אין דער טיעפער ווייטקייט, אזוי ווי זיי וואלטען דארט שרעקליכעס געזעהען און אויסגלייכענדיג זיין קרומען רוקען האט ער מיט א ציטערדיגע טרויעריגע שטימע אנגעפאנגען צו ריידען:

„יא, מיין הערר! איך קום פון א ווייט, ווייטע לאנד וואו רוהע און פריעדען, ליעבע און גליקזעליגקייט, ווארהייט און גערעכטיגקייט האט אמאל

געהערשט האָרט, זיינען געקומען פאַרדאַרבענע מענשען און האָבען דאָס לאַנד אין רואינען פאַרוואַנדעלט, אונזערע זיהן אויסגעשלאַכטעט, אונזערע פרויען און טעכטער, דורך שאַנדע צום זעלבסטמאָרד געטריבען און איך גראַדע בין דורך אַ גליקליכען צופאַל פון אַ זיכערען פריה־צייטיגען טויט ענטרונען : — און ניט קענענדיג צוזעהען די ליידען און שמערצען און דעם צער פון מיין פאָלק, און לאַנד, וואַנדער איך פון דאַן אָן איבער דער וועלט איינזאַם אליין פון לאַנד צו לאַנד, ביז וואַנען איך וועל קומען צו אַ לאַנד, וואו רוהע און פריעדען, ברידערליכקייט און מענשליכקייט וועט הערשען דאָרט..."

פלוצלונג איז ער אנטשוויגען געוואָרען. זיין אַלט־צוקנייטשטער געזיכט איז פלוצלונג געוואָרען איינגעהילט אין אַ טיעפען טרויער. זיינע מאַטע אויסגעלאָשענע, אויסגעגלאָצטע אויגען האָבען זיך געווענדעט צום צפון זייט וואו דער הימעל איז מיט אַ שוואַרצע חמאַרע פלוצלונג פערצויגען גע־וואָרען, און דער יונגער פאַסטוך וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען פערזונקען אין אומעטיגע טרויעריגע געדאַנקען, האָט זיך מיט אַ פאַרוואונדערונג צו איהם געווענדעט.

,,וואָס זעהסטו דאָרט, דו געהיימניספאָלער מענש ! ?"

,,איך זעה נייע טרויעריגע שרעקליכע צייטען אָנקומען, האָט דער וואַנדערער אָפּזיפּצענדיג געענטפערט, מענשען וועלען אין בלוט־דורשטיגע חיות פערוואַנדעלט ווערען, דער שטאַרקערער וועט אונטערהדריקען דעם שוואַ־כערען, דער רייכער וועט בערויבען דעם אָרעמען, איין ברודער וועט דעם צווייטען ערמאָרדען, איך זעה טייכען מיט בלוט שטראָמען, די טייכען וועלען אין בלוטיגע שטראָמען פאַרוואַנדעלט ווערען, און די גרינע פעלדער וועלען מיט יונגע פרישע קברים באַדעקט ווערען, פאַלשקייט און בעטרוג, פיינדשאַפט און ראַכע, שאַלגאַפטיגקייט און פאַרדאַרבענהייט וועט הערשען צווישען די מיט־מענשען.

,,און די צייט איז נאָהענט ווען די ערד אויף וועלכער מיר זיצען יעצט וועט מיט מענשליכע בלוט דורכגעזאָפּט ווערען, דער קלאָהרער פליסענדער טייך וועט מיט מענשליכע בלוט שטראָמען, און דער גרינער באַרג וואָס דו זעהסט דאָרט וועט אין אַ קבר פון יונגע מענשליכע לעבענס פאַרוואַנדעלט ווערען..."

ער איז שטיל אנשוויגען געוואָרען.

דער יונגער פאַסטוך וואָס איז געזעסען איינגעהילט און פאַרזונקען אין אַ טיעפען טרויער, האָט אומעטיג אראָבגעלאָזען זיין קאָפּ, און צוויי זיל־בערנע טרערען האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט איבער זיינע בלאַסע באַקען און נאָס געמאַכט די גרינע גראָז אויף דער ערד.

אַ טרויעריגע שטילקייט האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט צווישען זיי, און נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען האָט דער וואַנדערער שטיל אָפּגעזיפצט און

אויפהויבענדיג זיך פון זיין אָרט האָט ער ארויפגעלייגט זיינע הענד אויף דעם פאסטוך׳ס אראפגעלאָזענעם קאָפּ, און האָט איהם געבענשט טרייסטענדיג איהם ,,דאָס אויך גוטע גליקליכע צייטען וועלען נאָכדעם אנקומען״.

ער האָט ארויפגעלייגט זיין שווערען פּאַק אויף וועלכען ער איז געזעסען, אויף זיינע דאַרע פּלייצעס, און נעמענדיג דעם קרומען שטעקען אין זיין האַנד האָט ער זיך מיט דעם יונגען פאסטוך געזעגנט, און ער איז פער־שוואונדען געוואָרען, אין דער טיעפער וייטעניש פון דעם גרין־בּלויען האָריזאָנט . . .

— — — — — — — — — — — — —

א פינסטערע רויטע פאַרנאַכט...

דער הימעל איז איינגעהילט אין אַ בּלוט רויטען פייער פון דער אונ־טערגעגאַנגענער זון, וואָס האָט פערפלייצט דעם האָריזאָנט מיט א פינסטערער רויטקייט... רעכטס אויף אַ בּאַרג שטעהען אויסגעשטעלט שורות־וויז מצבות מיט פריש־פערזעהטע קברים בעגאָסען מיט א פייער רויטקייט... לינקס לויפט א שמאָלער טייך און די פליסענדע וואַסער פון טייך וואָס איז איינגעטונקען אין אַ פייער רויטקייט איז דורכגעמישט מט מענשליכע בלוט, וואָס קוקט אויס ווי אַ בלוטיגער פליסענדער שטראָם... ביים ברעג פון פליסענדען טייך שטעהט אַן אַלטער בוים פערזונקען אין א טיעפען טרויער... אין מיטען ציהט זיך א ברייטע צו־הרוב׳טע פעלד איבער וועלכע דער גאָט ,,מאַרס״ האָט דורכגע־שפּאַנט מיט זיינע פאַרבלוטיגטע אייזערנע שיך, מיט זיין פולער גרויזאַמער מאַכט... און אין דער פינסטערער רויטער שטיקענדער לופט וואָס איז דורכגע־מישט מיט דעם עקעלהאַפטיגע ריח פון בלוט און מענשען פלייש, הערט זיך נאָך דער אָפּקלאַנג פון אשמדאי׳ס רויטען געלעכטער...

לידער

פון

בן שלום

מיין ליעד

אָפּט וויל איך מיין ליעד זאָל ניט טרויעריג קלינגען,
ניט מאָהלען קיין בילדער פון שאָטענס און פּיין
איך וויל עס זאָל קלינגען אמאָל אין מיין ליעד אויך —
אביסעלע האָפנונג פון זונען העלען שיין . . .

נור שוואך בין איך געגען דעם ווילען פון טרויער
צו מאָהלען מיין לעבען מיט שעהנעם קאָליר;
ווען בייזע מחשבות נור וועבען מיין מאָרגען,
און גיסען אַלץ ביטערע טראָפּענס אין מיר.

קיין זאך פארלאנג

קיין זאך פערלאנג מיין הארץ,—זיי שטיהל—
ניט ווייַן ניט ווייַן...
ס'איז נעבעלדיג, און גראה די נאכט —
דו ביזט אליין —
אין נאכט אליין...

און בלאנזשעט וואו א שאָטען אום —
אין נאכט אליין...
דאס צאנקט דיין לעצטער יוגענד'ס שפור —
און וועט פערגעהן —
אין נאכט אליין...

מיין פיעדעל

עס האָט מיר דאָס לעבען געשאָנקען א פיעדעל,
טענער פון יאוש און ביטערען פּיין,
בעריהר איך די סטרונעס, דאן נעהמען זיך גיסען
וויינענדע ליעדער אין הארצען אריין . . .

די סטרונעס זיי ווערען פון הארצען געצויגען,
נ'ווערען פער'וואונדיגט פון יעדווידער ריהר
ביז שטום ווערט דאָס פיעדעל, ס'שטארבען אָפּ די קלאנגען,
דאָס פּלאָצט שוין די סטרונע די לעצטע פון מיר . . .

איך וויין

איך וויין, ווייל איך ווייס עס וועט שטארבען דער יוגענד,
און קאלט וועלען ווערען די טעג פון מיין לעבען.
עס וועלען אויך שטארבען די האפנונגען זיסע
וואס האבען מיר טויזענדע גליקען געגעבען . . .

איך וויין, ווייל איך ווייס עס וועט שטארבען די ליעבע,
צוזאמען פון יוגענד'ס די שעהנסטע פערלאנגען,
און גראהער, און טריבער, וועט ווערען מיין מארגען,
ביז שפורען די לעצטע וועט ווערען פערגאנגען . . .

נעבעלדיגע וועגען

שטומע נעבעלדיגע וועגען,
פירט מיר, פירט מיר, וואו איהר ווילט
צו דער וועג פון מיינע טרוימען —
סיי ווי סיי זיך ניט ערציעלט...
ווער מיין הארץ פערשטיהלט...

שפרייטען שאטענס זיך פערנאנדער
ווערט מיין לעצטער שפור פערוועהט.
פלאצט פון שפילען וואו א סטרונע
פונקט אזוי מיין הארץ פערגעהט,
וועה דער גראער טוידט...

שטומע, נעבעלדיגע וועגען,
פירט מיר פירט מיר וואו איהר ווילט,
שוועהר גענארט האט מיר דאס לעבען
פיעל געזאגט קיין זאך ערפיעלט...
הארץ מיינס ניט ערציעלט...

און וועט מיר

און וועט מיר דער בענקענדער אומעד בעזיעגען,
וועט קיינער ניט פיהלען און וויסען;
די נאכט נור די שטומע, איהר וועל איך דערצעהלען,
זי וועט אין איהר הארץ אלץ פערשליסען . . .

און וואנדערן וועל איך אהן האפנונגען, גלויבען,
אויף שאטענס בעשפונענע וועגען;
און טיעף אין מיין הארץ וועט א וועהטאג זיך וועבען,
און קיינער, און קיינער, וועט פרעגען . . .

סאנעטען

פאר מיינע אויגען שוועבט ארום דיין צארט געזיכט, —
דיינע האָר פון גאָלד געוועבט ווי סאמעט זענ'ן ווייך.
נור ד'באַקען אָה! מיין גאָט זיי זענען אזוי בלייך,
און פון די אויגען אויסגעלאָשען איז דאָס ליכט . . .

און בלאָנדזשעסט איינזאַם, בלאָנדזשעסט עלענד, אָהן א ציעל,
און פון דיין קראַנקע הארץ עס רייסט א זיפץ זיך שווער, —
און אויפען דיל פון דיינע אויגען פאַלט א טרער —
א שטומער טרער, וואָס רעדט, דערצעהלט דיין לײדען פיעל . . .

יונג ביזט נאָך נור גאָר א קינד נ'שוין פון לעבען מיעד, —
דיין מאָרגען אזוי טרויעריג און שווער ז'דיין געמיטה, —
קיין בלימעל וואַקסט פאר דיר ניט אויס, אַלעס ז'פערבליהט...

כ'וועל מיט דיר נ'זעלבער וועג אויך וואַנדערען מיין קינד, —
אויף ביידענס וועגען ווערט דער לעצטער שפור פערוועהט...
בלאַנדזשען, בלאָנדזשען ביז ד'אויג וועט זיין פערמאַכט פון טויט.

* * *

זעץ זיך נעבּ'ן מיר מיין קינד, קיינער קומט דאָ ניט צו מיר,
קיינער קומט דאָ ניט צו מיר אויסער זעלטען דו, —
אויסער זעלטען דו, וואָס גיט מיין הארץ אביסעל רוה,
דאָ עפענט קיינער, קיין מאָל, קיין מאָל, ניט א טיר . . .

אלעס שלאָפט שוין דאָ ארום, אין טיעפען נאכט־געהילט...
עס וועט דיין זיסע שטימע קלינגען צארט און שטיהל, —
ווי אמאָהל... ווען גלויבען איז געווען נ'הארץ נאָך פיעל —
נ'אַלץ ארום נ'זונגען־ליכט פער אונז האָט זיך צושפּיעלט.

זינג מיין קינד פון יענע טעג, וואָס לאַנג פערגאַנגען איז, —
און שווינדען אין דער טיפענגיש נ'גרויע נאכט פון פיין —
און וועלען ביז'ן לעצטען טאָג נאָר א חלום זיין...

זעץ זיך נעבּ'ן מיר מיין קינד, קיינער קומט דאָ ניט צו מיר, —
ווי א בלימעל בּין איך וועלכע וואַקסט נ'פעלד אליין —
און ערווארט דעם אָסיען, — דעם טאָג פון איהר פערגעהען...

צו . . .

דו ביזט דער פייער זייל, וואָס לויכט'ן קען אין יעדער קראַנקע האַרץ, —
דיינע אויגען, ווי די פריהלינג'ס־טרוימען, פול מיט וועלטען חון,
און זיי לאַסטש'ן ווי אַ מאַמע פול מיט צערטליכקייט איהר קינד, —
און קיין מאָל וועל'ן דיינע כישופ'דיגע זונען ניט פערגעהען . . .

כ'וועל געהען מיט דיר אין יעדע וועג ניט־פערגעגנדיג קיין ציעל,
מיין ציעל ביזטו, מיין קינד אַליין פון יוגענד'ס שעהנסטער גליק, —
און ווען די וועג אונז שוועהר ווען זיין אין שאָטענס איינגעהילט —
דאַן פייערדיג צוגליהט וועט זיין דיין זונענדיגער — בליק . . .

✿✿✿✿✿✿✿✿

געוויינט האט אַ סטרונע—צו ד. ל.

געוואָן איז אין צימער פערלאָשען די ליכט —
געזיפצט האָט אַ סטרונע—דאָרט שטיהל...
און פונקט ווי די סטרונע געוויינט האָט דיין האַרץ;
פערגאָסען אַ טרעהר אויפען דיל...

דיינע ליפּען געמורמעלט ס'האָבען גוט־נאַכט,
די קאָפּ איינגעבויגען צום דיל...
געזיפצט האָט אַ סטרונע דאָרט פונקט ווי דיין האַרץ,
געוויינט און געוויינט אין דער שטיהל...

✿✿✿✿✿✿✿✿

ווי אַ וועכטער

ווי אַ וועכטער ביי דיין פענסטער, געה איך וואַגלענדיג אַרום,
אפשר וועט זיך אין דער שטילקייט דערהער'ן וואו דיין טראָט,
און ווי אַ בליץ דיין כישופ'דיגער בליק ב'לויכטען וועט מיין האַרץ —
פונקט ווי ים'ען פייערלעך וואָס טובלען אָפּ די שטאָדט . . .

צו דיין פענסטער קינד מיינס, ז'מיין שטומער שאָטען־בליק געווענדט, –
און כ'זעה אַ בלאַסער לעמפּעל־ליכט אין שויב ס'פערעסט זיך איין —
ווי מיט פינגער דורכ'ן פענסטער, וואָלט צו מיר געקלאַפּט, געקלאַפּט . . .
זי וועט ניט קומען דאָ אַהער, ז'וועט ניט זיין ניט זיין . . .

צוויי און פערציג

דיינע אויגען

דיינע אויגען — דיינע זונען —
דיינע הימלען צוויי,
זענען וועלטען פול מיט כישוף, —
ים'ען זענען זיי,
גאָט איך בעט פאר זיי ....

און איך וויל דיר קינד וואָס בעטען —
עפּעס פרעגען דיר: —
אפשר קען איך צו דיר קומען,
אומעדיג איז מיר ...
אומעדיג אָהן דיר ...

קיינער וויל מיין שוועל בעטרעטען,
ס'לעבען אזוי גראָה ...
מעג איך קינד מיינס צו דיר קומען —
כאָטש אין וואָך א שעה ...
ס'לעבען אזוי גראָה ...

פאלקס מאָטיוועו

האָב איך גאָר קיין מזל ניט
וויל מיר קיינער ליעבען,
האָב צו זיך פיעל בריוועלעך,
מיט ווער אליין געשריבען ...

בענקט א מיידעל ערגעץ וואו
מיט בעטריבטע בליקען.
וואָלט איך וויסען וואו זי איז, —
א בריוועל וואָלט איך שיקען ...

מיין מאמע...

אין א ליטוויש קליינע שטעטעל,
אין א שטיבעל איינזאם עלענד
וואגעלט דארט מיין קראנקע מאמע.
און מיט שטיהלע שטומע בליקען —
שיקט זי דארט צו גאט א תפילה...

ניין זי בעט ניט אויף פרנסה, —
חאטש דער טויט אין שטיבעל לויערט.
נור פון ליעבען קינד א בריוועל —
וועלכער האט פון יאהרען שוועהרע
ניט געהערט זיך ניט געשריבען...

און מיט איהרע בלאסע ליפען,
וועלכע קען זיך קוים בעוועגען, —
בעט ביי גאט א זכות געפינען...
און די אויגען אויסגעוויינטע,
הויבט זי העכער אויף צום הימעל.

פאלען איהרע שטומע בליקען
אויף א בריוועל — לאנג־געשריבען
וואו איהר קינד שרייבט מיט טרעהרען,
אז איהם בענקט זיך נאך זיין מאמען.
נאך זיין גוטע פרומע מאמען . . .

און מיט ציטעריגע פינגער,
דריקט דאס בריוועל צו איהר הארצען,
אפשר איז דאס לעצטע ווארט שוין
מורמעלט איהרע בלאסע ליפען —
ווערט מיט קאלטע שוויים בעגאסען...

ליעבע קינד מיינ'ס, גוטע קינד מיינ'ס,
וועל איך ביי מיין לעצטע שטונדע,
דריקען דיר אין מיינע ארעמס —
ביז דער טויט וועט מיינע אויגען
זיי אויף אייביג מיר פערשליסען...

אין א ליטוויש קליינע שטעטעל,
אין א שטיבעל איינזאם עלענד —
וואגעלט דאר מיין קראנקע מאמע;
שיקט צו גאט א שטומע תפילה...
דאך ווער קען איהר דען דערהערען...

א בריוועל

איך האָב ניט פערגעסען דיר, מאַמע געטרייע,
דיין ליעבליכען שמייכעל, די צערטליכע בליקען.
איך האָב ניט פערגעסען אויך יענע מאָמענטען —
ווען דו פלעגסט מיר היים צו דיין הארצען צו־דריקען . . .

דאן שטיהל דיינע ליפען פלעגט מורמלען א תפילה —
מיין קינד זאָלסט זיין גליקליך וואו דו וועסט זיך קערען.
און טיעף פון דיין הארץ פלעגט אַ זיפץ זיך אויסרייסען —
און די אויגען געווען איז בעגאָס'ן מיט טרעהרען . . .

איצט האָט אונז דער ביטערער שיקזאל צושיידען —
— און פרעגסט זיך מיט טרעהרען — וואָס הערט זיך אין לעבען?
א! טייערע מאַמע — וואָס זאל איך דיר שרייבען —
איך ווייס ניט — איך דיר קיין ענטפעהר ניט געבען . . .

און זאָל איך דיר נעהמען מיין לעבען בעשרייבען —
קיין זאך ניט פארבארגען, דיר אלעם דערצעהלען;
א — בעט מיר ניט טייערע מאַמע, — ניט בעט מיר —
דאָס וועט דאָך געוויס דיינע וואונדען ניט היילען . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ענדיג מיין „בריוועל“, עס טהוט אזוי וועה מיר —
וואס איך מוז ביי זיך אלץ אין הארצען פערשליסען;
דו איינע, קאנסט פיהלען מיין איינזאמען לעבען, —
נאָר ביזט אזוי שוואך דאך — דו טארסט עס ניט וויסען . . .

בענקשאפט

זאנפטע זיסע צויבער בילדער —
פון מיין בערגיג קליינע שטעדטיל
וועבט זיך אויף אין מיין זכרון;
וואו איך פלעג די שעהנסטע טרוימען
וועבען אין די קינדער יאהרען . . .

ווייט פון יענע ליעבע היימאט,
וואו דעם פריהלינג'ס צארטע זונען —
מיר בעצויבערט האט ערשט נעכטען.
און פון הימליש פאנאראמען —
פלעגט זיך טרוימען קרענץ מיר פלעכטען;

וואו די טייכלעך די קלאהרע
גיסען זיך דארט ווייט פאנאנדער, —
און די וועלכעלעך זיי זשומען —
ווי זיי וואלטען צו מיר זאגען:
זאלסט צו אונזער ברעג אפט קומען . . .

און די פעלדער לאנגע ווייטע
וואו עס ציהט זיך גרינע בייטען
שעהן בעבליהט פון גאלד'נע זאנגען;
דארטען בין איך מיט מיין ליעבסטע
אה! מיר דוכט זיך ערשט געגאנגען . . .

העלע, זאנפטע פריהלינגס קלאנגען,
ליעדער, דופטיגע און זיסע,
פלעגען זיך אין הארצען גיעסען.
און אויך טויזענד העלע זינען —
פלעגען אונזער טאג בעגריאסען.

יעצט פערוואגעלט, און פערטרויערט,
בלאנדזעט עלענד מיין נשמה.
ווערט פון בענקעניש דערשלאגען . . .
וויינט נאך יענע יוגענ'ס בילדער —
וועלכע פלעגען העל אויפטאגען . . .

נאר א חלום

קליינע ליטוויש שטעדטעלע, מיין שעהנסטער טרוים פון הארצען ביסט.
ג'חלום'ט נאך אמאל צו זיין צוריק . . .
נ'דיינע ארעמס ליעגען נאך, און וועבען טרוימען גאלדענע,
און מיר צערטלען מיט דיין זונען־בליק.

אויף דיינע לאנקעס גרינינקע, טהויגע פער'כשופ'טע —
בלאנדזשען, בלאנדזשען דארטען וויט און ברייט.
דארטען צו דעם טייכעלע, וואס שנייט זיך דורכ'ן בארג צום מיהל,
וואו מיין קליינע שטיבעלע דארט שטעהט . . .

און דארט דערביי אין וועלדעלע, ווילד פון פרייד ארומטאנצען,
באדען זיך, און באדען זיך אין גליעק . . .
אך! עס איז א חלום נאר, וואו ביסטו יעצט מיין שטעדטעלע,
קברים, קברים וואו עס פאלט א בליק . . .

מיין שטעדטעלע

שווינדען טעג מאנאטען יאהרען,
אלץ אין אייביגקייט פערגעהט...
שעהנסטע טרוימען פונ'ם יוגענד
אין דיין הארצען ווערען טויט...

נור א חלום איז דאס לעבען,
ווי א זאנפטע פריהלינגס קוויט.
ערשט געקושט פון זונען שטראהלען
נ'שוין האט איהר דער פראסט געטוידט...

ווי א חלום איז דאס לעבען,
און דאס ביסעל אויך מיט פיין:
דיינע טעג פון גראהע שאטענס
ביז דיין לעצטע שעה פון זיין . . .

צו א קינד

אָה זאָג מיר קינד מיינס טהייערע, וואָס ביזטו אומעדיג, —
וואָס וויינסטו, וואָס טהוט די אַזוי באַנג,
אימער דיין ליעד געוועבט פון בעזע מחשבות איז,
נ׳טרויעריג זיך גיסט אין האַרץ דער קלאַנג . . .

דיינע צאַרטע אויגעלעך, לעש׳ן אוים זיך וויינענדיג
פינסטער ווערט דיין יוגענד׳ס האַרץ און קאַלט . . .
און דו האָסט קיין איינעם ניט טרייסטען זאָל דיין עלענדקייט,
ווען שטומע נאַכט מיט שרעקען אויף די פאַלט . . .

כ׳זעה דיר אימער בלאַנדזשענדיג איינזאַם א פערוואָגעלטע,
פון דעם גרויען נויטה געוואַכט, און קראַנק,
ביזטו שוין פון לעבען מיעד אָהן טרייסט און אָהן האָפנונגען —
נ׳טרויעריגער שווער ווערט דיין געדאַנק . . .

זעהסט דאָרט יענע מיידלעך שטראַהלענדיגע מונטערע, —
אַלץ אַרום אין גאָלד איז אויסגעשפרייט,
נאָר פאַר דיר מיין עלענד קינד אַלעס אויסגעלאָשען איז,
וואו דו קומסט איז קאַלט און פינסטער טוידט . . .

מיר האָט ניט געשראָקען דעם פריהלינג׳ס פערוועלקען
די אייז־קאַלטע נאַכט פול מיט פיין,
קוים האָב איך געוואוסט אז די זון וועט נאָך אויפגעהן—
דאַן פריהלינג עס וועט נאָך אויך זיין . . .

פון מיר אָבער, ווען עס פערשווינדט שוין דער פריהלינג,
צורינט אויך מיין יוגענד און גליק,
ניט אויפבליהען ווידער וועט יוגענדס חלומות —
די זון וועט ניט אויפגעהן צוריק . . .

ווי א וואנדערער

ווי א וואנדערער א מידער וואגלענדיג אויף פרעמדע וועגען,
בלאנדזשעט, בלאנדזשעט מיין נשמה עפעס זוכען...
און וואו איך קום דערזעלבער יאוש שאטענס שפרייטען זיך און שפרייטען —
לעשען אויס דאס ביסעל גלויבען און זיי פלוכען . . .

קענסט קיין האפנונג דא געפינען — דא די זון איז אויסגעלאשען, —
האט א שטומער קלאנג צו מיר זיך טריעב דערטראגען,
ס'האט דעם וועלט שמערץ'ס גרויע פליגלען אויף דיין וועג דא ווייט צושפרייט זיך,
און קיין מאל וועט שוין די זון ניט קאנען טאגען . . .

און וועט א זיפץ ווען פון דיין הארצען, פול מיט וועהטאג זיך אויסרייסען —
וועט ער ווי אין טיעפען וויסטעניש פערשטומען . . .
אין דער טויטקייט פון דער נאכט דא מיט טריעבע שאטענס דורכגעוועבטע
וועט ניט קיינער קיינער דיר צו הילפע קומען . . .

— —

ווי א וואנדערער א מיעדער, וואגלענדיג אויף פרעמדע וועגען, —
צורינען ווערען מיינע האפנונג'ס פערלאנגען.
און האט א שטראהל זיך ווען געוויזען, ג'מיין קראנקע הארץ דערוואָרעמט...
איז ער באלד אין טיעפעניש פון נאכט פערגאנגען . . .

מיאוס איז דאס לעבען מיר —
טרויעריג און שווער;
וואס איך האב געליעבט אמאל,
ליעב איך שוין ניט מעהר...

פון א מארגען שעהנערען —
כ'האב געטרוימט, געוואָרט...
נוד די צייט די אכזריות'דיג,
ז'האט פערפיהרט פערנארט...

שוין מעהר ניטא קיין האפנונג
ס'לעבען קראנק און לעהר...
וואס עס האט געבליהט אמאל, —
בליהט אצינד ניט מעהר...

פ ר י ה ל י נ ג

עס וויקלען זיך טויזענדער זונען פאנאנדער,
און טובלען נ׳גאָלד אפּ די בערגער, און טאָהלען,
מיט זאנפטיגע, טרוימענדע, הימעלשע־פארבען —
בילדער פון בליהענדען־יוגענד זיך מאָהלען...

און אלץ איז אין בענקענדע סודות פער׳חלום׳ט,
פער׳כשופ׳ט פון געטליכע פריהלינגס־פערלאנג׳ן,
און ווערען פערקערפערט אין דופטיגע ליעדער —
וואָס ווער׳ן צוטראָגען אין צוויבערע קלאנגען:

און העלער, און זאנפטער, זיך שפּרייטען די טענער,
מיט זיסקייט פון ליעבע דאָס הארץ ווערט בעגאָס׳ן:
עס ווערען געבארען חלומות פון יוגענד —
פון וועלכע די שפּורען ז׳לאנג אויך פעראָלשען...

עס בליהט אויף א מאָרגען, פון יוגענד־זכרונות;
פון טרוימ׳ן־געשפּינענע טרויסט־מעלאָדיען —
פון יענע פער׳חלומ׳טע, זאנפטע־פריהמאָרגענס,
וואָס פלעגען ווי טויזענדע זונען אויפבליה׳ן...



ערצעהלונגען

פון

בנימין י. נייטהען

אין א פריהלינגס נאכט

דאס איז געווען איינע פון די סוף פריהלינגס-טעג, אין סאמע אָנהויב פון די גאַנץ ווארימע טעג, דער טאָג איז געווען א טונקעלער.

די זון איז א גאנצען טאָג געשטאַנען אויף'ן הימעל ווי ברוגזדיג און אזוי ווי צו להכעיס זיך באהאַלטען אונטער די דיקע וואָלקענס, וועלכע האָבען דעם בלויען הימעל אין א טונקעל גרויען שלייער איינגעהילט. די לופט איז געווען אין זאנפטיגע שמעקעדיגע ריחות אנגעזאפט.

דער פענסטער פון מיין צימער איז געווען אפען, איינגענעהמענע פרישע לופט האָט שטראָמען-ווייז פון דרויסען אין'ם צימער געשפּאָרט. פאָר'ן הויז זיינען די בוימער אין געדיכטע שורות געשטאַנען. זייערע שפּיצען האָבען זיך אין רויט-פייערדיגע גאָלדענע רייפען געטונקען. נידעריגער האָבען זיי זיך אין א שווארצע מאַסע צונויפגעגאָסען. דער הינטער-גרונד פון הימעל איז געווען מיט שוואַכע שאָטענס פערוועבט. די זון האָט זיך מיט אמאָל האסטיג דורך די וואָלקענס דורכגעבראכען און צום לעצטען מאָל איבערן גאנצען פייער-שטראָם אויף'ן לויטערען רוים פאַנאַנדערשיקט און איז אין גאנצען פארשוואונדען.

די לופט איז געוואָרען אַלץ טונקעל-גרויער, באַלד האָט זיך דער שלייער פון נאכט ווי כוואַליעס פון ים גענומען קנייטשען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. קליינע שטערענדלאך האָבען א בלישטש געטהון און גלייך פארשוואונדען אונטער די וואָלקענס.

איך האָב געעפענט א בוך צום לעזען, און ביים פּאָדער-בלאט בין איך שוין א היבשע ווײַלע געשטאַנען. עפּעס האָבען זיך די ווערטער ניט געקלעפּט פאַר מיין פאַנטאַזיע, יעדעס וואָרט האָב איך עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט און ניט געוואוסט די בעדייטונג, אונזיכטבארע, האלב-אָפּגעריסענע, לאנג פארגעסענע געדאנקען און בילדער האָבען זיך אין מיין מוח געפּלאָנטערט. אן אונענדליכע בענקשאפט צו עפּעס אונבעשטימטעס, טויזענדער שטורמדיגע געפיהלען האָבען זיך אין מיין הארץ אריינגעריסען, און זיי האָבען אזוי ווי א וואָרעם גענאָגט, געצויגען צו אַזעלכעס וואָס איך האָב בעשטימט ניט געוואוסט, צו אַזעלכעס, וואָס זאָגאַר מיין פאַנטאַזיע האָט דאן ניט געקאָנט בעגרייפען.

פון דרויסען האט זיך געהע.רט א הילכיגער געלעכטער פון די יונגע שפאצירענדע, און דאס האט מיין פאנטאזיע נאך ברייטער פאנאנדערגעשפיעלט און מיך אזוי ווי מיט א מאגנעט אין דרויסען גערופען.

איך בין אויף'ן גאס ארוים און זיך אויסגעמישט צווישען די געדיכטע מאסען, און אזוי אפגעהענדיג א שטיקעל צייט בין איך ענדליך צו א פארק געקומען.

איך האב אויסגעזוכט א רוהיגען פלאץ און זיך אוועקגעזעצט.

דער טונקעל־גרויער הימעל האט זיך ווי א חופה־קלייד פארשפרייט, טויזענדער איידעלע ריחות האבען אין דער לופט געשוועבט, אין א געדיכטען נעבעל פון פינסטערניש די ערד איינגעהילט. עס איז געווען שטיל. די בלעטער פון די בוימער האבען שטיל גערוישט, צווישען זיך געסוד'עט פון דער געהיימנים פון דער נאכט. פון דערווייטענס זיינען מחנות פויגעלאך געפלויגען, ווי מיט א געזאנג, זייער זיסע הימלישע מעלאדיע וואס האט אפגעקלונגען ווי מיט א ווידער־קול איבערן גארטען און וואס האט זיך אזוי צארט און זיס צוגאסען איבער אלע מיינע אברים.

דאס אלעס האט זיך צוגאסען און בעהאפטען צוזאמען אין א פאנטאסטישען צויבער, און מיך אין א גאלד־געשפינטען נעבעל איינגעהילט, און געך בוירען שעהנע זיסע חלומות, גאלדענע טעג פון יוגענד, א דורכזיכטיגער טונקעלער שלייער האט זיך פאר מיינע אויגען געשטעלט, און איך האב קוים, קוים קליינינקע, פיעל קאלירענדע פינטעלאך, וואס זיינען האלב פארוואנדעלט געווארען אין גרויסע, גאנץ גרויסע רעדער דורכגעזעהן. זיי האבען זיך געדרעהט ארום מיר, און מיך אוועקגעטראגען ווייט, גאנץ ווייט, דארט וואו איך האב מיין יוגענד פארבראכט...

— — — — — — — — — — — — — —

איך האב זיך געפונען אין מיין קליין געבורטס שטעטעלע, צוזאמען מיט די שווארצע רחל'ע... אונזער שכנ'ס מיידעלע אט, אט, דוכט זיך מיר אז מיר אלע הדר אינגלאך, מיר לויפען מיט אן אימפעט און קינדערשע שמחה, צום שול־הויף אין די גרויסע זאמדען, מיט אויפגעקאטשעטע הייזעלאך, א גאלאפ צום טייכעל זיך באדען... אין געסעל זיצען אונזערע מאמעס, און דערצעהלען זיך מעשיות... מיר לויפען ארום, אויסגעשמירט אין זאמד, די זשאבעס קוואקען... די גרילען ברומען, און די שווארצע רחל'ע שפיעלט זיך נור מיט מיר... און ווען קיינער הערט ניט רוימט זי מיר שטיל איין: איך האב דיך ליעב... דו מיך אויך ?... איך הער דייטליך איהר דין קול'כעל, און אט שטעהט זי ארראפגעלאזט איהרע אויגען פארשעהמט, מיר טהוט באנק, דאס הארץ טהוט מיר וועה, עס פארדריסט מיך, ווארום איך האב איהר קינדערש הערצעל געמאכט פיהלען אזוי שלעכט... מיט דעם וואס איך האב איהר געענטפערט, אז מען טאר נישט רעדען אזוי, גאט קאן נאך חלילה שטראפען...

רחל'ע איז שוין א גרוים מיידעל אויסגעוואקסען, און צוזאמען איז אויך אונזער קינדער ליעבע געוואקסען און פארוואנדעלט געווארען אין איינע פון די הייסטע און ברענענדסטע ליעבעס... איהר וואונדערליכע שעהנקייט, איהר געדיכטע קאפ פעך־שווארצע האאר, וואס דערגרייכען ביז איבער די קניען, און איהר קיילעכדיגעס, אויסגעטאקט פנים ווי א שעהנער פאמעראנץ... די רונדע הויכע ביוסט, וואס שלענגעלט זיך צוזאמען מיט איהר טונקעל־ווייסען פעטען האלז, און די בלוט רויז פארביגע בעקעלאך וואס איבער זיי גלאנצט און פינקעלט ארוים צוויי גרויסע שווארצע קאהשען אויגען, דאס אלעס האט געמאכט, אז מיר ביידע זיינען אזוי ווי אין איין נשמה צוזאמענגעבונדען, און ניט געקאנט לעבען איינער אהן דעם צווייטען... דארט אין וועלדעל, ביים קליינעם טייכעל, ניט ווייט פון חאצקעל דעם „משומד'ס" סאד, דארט האבען מיר ביידע שטענדיג פארבראכט...

נאטירליך, קיין לעבעדיגער מענש האט דערפון ניט געטארט וויסען. איהר פאטער א שטרענגער און אימער בייזער חסיד'אישער איד, וואס האט פיינד געהאט היינט־וועלטיגע „אפיקורסים" — האט איהר געהאלטען אונטער זיין שטרענגע פאנאטישע השגחה, טראץ דעם אלעם האט ער פון קיין זאך ניט געוואוסט. זי איז געווען גענוג קלוג, בראוו און העלדיש זיך צופערטיידיגען, און איז אויך געווען אין געהיים איינע פון די טיכטיגסטע טהוערינס פון דער דאמאלסדיגער באוועגונג... פאר קיין זאך האט זי זיך ניט געשראקען, און ניט איין מאל וואלט זי שוין געווען אין די פאליצייסקע נעגעל, ווען מיר וואלטען ניט איינגעהאלטען איהר ברויזענדע און שטורמדיגע קאמפס־לוסט.

עס איז געווען אין די אומרוהיגע טעג אין רוסלאנד אין מאנאט מאי. נאך'ן פארזאמלונג אין וועלדעל זיינען זיך אלע צוגאנגען, בלויז מיר ביידע זיינען געבליעבען. עס איז געווען שטיל, געהיימניס שטיל. א קיהל ווינטעלע האט געבלאזען די לופט, די בוימער זיינען אלע אין ווייסען געשטאנען, ווי פון שנעע בעשאטען. די פרוכט־בוימער האבען געבליהט און א געשמאקער ריח פון בעז־בליהונג האט אנגעפילט די לופט, די טונקעלע לאנקע, איבערגעשניטען פון קלאהרען־טייכעל, האט זיך ווייט פאנאנדערגעוויקעלט און דערגרייכט דעם ברעג הימעל און ווי א שווארצע ליניע איבערגעשניטען דעם באררדארקאליר פון האריזאנט, דער בלויער הימעל איז געווען ווי מיט בריליאנטען בעשאטען און די לבנה האט זילבער־פאסען דורך די צווייגען פון די בוימער דורכגעשניטען. אזוי אז עס האט אויסגעזעהען ווי א חופה פון בוימער מיט זילבער בריליאנט געשטריקט. דאס טייכעל איז רוהיג, בלויז קליינע וועלכעלאך לויפען איינע נאך די צווייטע און שטיפען קינדעריש. די נאכט דונקעלהייט האט מיט דינע זיידענע פעדעם א נעץ געמאכט, און דער טונקעל־בלויער הימעל האט זיך איבער דער ערד גראציעז געוועבט. טויזענדער פינקעלדיגע שטערנדלאך האבען ווי מיט זילבער־פעדים פארשיעדענע אראבעסקען און

קווייטען דעם טונקעל־בלויען אטלאס פון הימעל דורכגעוועבט. עס האט די טונקעלע לופט געאטעמט מיט פרישע פייכטע פעלד ריחות.

און די נאכט, ווי א פארליעבטע, איז געלעגען אין א מיעדע רוהיגקייט פארזונקען, און האט גלייך מיט אונז דרעמלענדיג גע'חלום'ט פון אייביגען גליק און ליעבע... און מיר ביידע זיינען אין א הייסען אטהעם פון ליעבע אין דער נאכט דונקעלהייט פארוויעגט. קיינער שטערט אונז ניט. עס איז געהיימניספול שטיל, בלויז צייטענווייז הערט זיך א נאכטיגאל שטימע, וואס ווערט באלד פארזונקען אין דער טיעפעניש פון וואלד, איך הער איהר אטהעם, איהר ווארעמער הויך פון איהר מויל, איך פיהל דאס קלאפען פון איהר הארץ, זי טוליעט זיך צו מיר, צו מיין ברוסט אלץ שטארקער און שטארקער... און מיר ווערען וואס אמאהל מעהר איינגעשלעפערט און פארוויעגט אין הימלישעם גליק.. אין זיסע שעהנע וועלטען פון ליעבע... און אונזערע ליפען בעהעפטען זיך . . .

— — — — — — — — — — — — —

נאר דא האב איך פלוצלונג דערפיהלט ווי עפעס שטעכט מיינע גליע־דער... אז איך האב זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האט פון הימעל געקאפעט קאלטע, נאסע טראפענס. א שוידער איז דורך מיין לייב דורכגעגאנגען און איך האב זיך מיט שנעלע טריט געלאזט אהיים...

מיין געבורט שטעדטעלע

ווי שעהן, פראכטפאל און פאעטיש שטעהט דאס קליינע שטעדטעלע אויף׳ן בארג און קוקט דרעמלענדיג ארונטער צו די קריסטאלענע וועהלען פון דער ווייסעל אין פוילען.

איינגעהילט אין גרינע סאמעט־געדיכטע סאסנאווע וועלדער, לאנגע גרינע לאנקעס, וואונדערבארע סעדער און גערטנער, מיט פיעל געדיכטע לאנגע שורות עפעל, בארנען און קארשען בוימער, יונגע קאסטבארע אויפגעפרישטע גערטנער, וואו עס בליהען פראכטפאלע נאטור שעהנע בלומען, ליליען און רויזען, פון וואנען עס דופטעט א געשמאקפולער גן עדן ריח, מיר־ליאנען פויגעלאך פיהלען אן די לופט וואס איז אנגעזאפט מיט ארואמאטנע גארטען בליהונגען, מיט זייער געטליכער מוזיק ושטעהט דאס שטעדטעלע און קוקט ארונטער, שפיגעלט זיך איין אין דעם קריסטאל־זילבערנעם שפיגעל פון דער ווייסעל.

און יעדען פריהמארגען ווען די זון קריכט ארויס פון איהר נאכט־באהאלטעניש, טונקט זיך אונטער אין די זילבערנע שוים פון דער ווייסעל, לויטערט און קריסטאליזירט אויס מיט איהרע גאלדענע רייפען דעם געהיימ־ניספולען נאכט פאנצער פון דער ווייסעל, ביי דעם העלען שיין פון טאג אין די קוים שטילע באוועגליכע וועהלען, זעהט דאס אויס ווי גינגאלד און זילבער שמעלצען זיך צוזאמען אין איין קונסטפולען קאסטבארען דיוואן מיט גאלד און זילבער געשטריקט, וואס ציהט און שלענגעלט זיך לאנגזאם אויף׳ן בארג ארויף, דעקט איבער אלע דעכער פון׳ם שטעדטעלע, אזוי אז דאס גאנצע שטעדטעלע זעהט אויס ווי איין לאנגער אריענטאלישער טעמפעל מיט א גאלד געקרוינטען דאך באפלאסטערט.

דאס שטעדטעלע איז קליין, אין גאנצען עטליכע הונדערט בעפעלקע־רונג, וואס פלעגען האנדלען מיט פערשיעדענע סחורה׳ס, איבערפיהרען פון יענער זייט ווייסעל, פרנסה איז געווען ברוחק, קיינמאל ניט גענוג, אבער קיינער איז ניט געווען ארעם. אלע זיינען געווען רייך מיט פיעל בטחון, האפ־נונג און גלויבען אז גאט וועט זיי תמיד משפיע זיין.

און ווען עס פלעגט קומען ערב שבת פארנאכט ווען פון די אידישע שבת׳דיגע אפגעצוואגענע הייזלאך האט אנגעהויבען ארויסציפינקלען א סך שבת־ליכט, דאן איז די נאר וואס פארגעהענדע זון אין איילעניש צו דער ווייסעל אוועק, שטאלץ און מאיעסטעטיש איהר „א גוט שבת" אפגעגעבען די ווייסעל האט זיך שטיפעריש פאנאנדערגעלאכט... און א קליין זילבער וועלעכעל האט זיך ווי א ווייס מלאך׳על אין דער לופטען אויפגעהויבען און האט די זון אין פנים א קוש געגעבען...

די ווייסעל האט זיך ווי א בת מלכה אויסגעציערט, אין דעם שבת־דיגען ווייס־זיידען קלייד איינגעהילט... און איז שטיל געווארען צוזאמען מיט דעם שטעדטעלע, מיט די שבת׳דיגע אפגעצוואגענע הייזעלאך אין טויזענ־דער שבת־ליכט, פערשלעפערט געווארען אין דעם שטילען ליעבען שבת דרעמעל.

דארט איז מיין געבורט שטעטעלע, אין יענעם פלאץ איז מיין קינדער וויגעלע געשטאנען, אין יענעם וואונדערבארען פון דער נאטור געבענשטען פלאץ, האב איך די גרעסטע, בעסטע און טייערסטע צייט פון מיין לעבען פאר־בראכט, די גאלדענע טעג פון מיין יוגענד איבערגעלעבט.

אונטער דעם פרייען בלויען הימעל, אנטקעגען די גליהענדע זונען־שטראהלען, ביים שוהל הויף אין די גרויסע זאמדען, ביי די ברעגעס פון דער ווייסעל, אין די געדיכטע וועלדער, סעדער און גערטנער, אויך אין אונזער שמאלען געסעלע וואו אונזערע מאמעס האבען אונז אזויפיעל שעהנע וואונ־דערליכע מעשיות דערצעהלט... אין די שעהנע זומער נעכט.

אין יענעם גאלד־געשפינטען נעבעל, פון פריהלינג, יוגענד, גליק און זעליגקייט, האב איך מיין קינדהייט, די סטרונעס פון מיין קינדערש זאט אהן דאגות׳דיג הערצעלע ברייט פאנאנדערגעלאזען, און צוזאמען מיט דעם מילדען הימעל ווינט, מיט די ליעבע, גוטע שמייכלענדע זון, זיך געלאזט אין די ארעמס פון די הייסע גליקזעליגע יוגענד, צו די טענער פון דעם צויבער כאהר, וואס האט הארמאניש געקלונגען אין דער אייביגער רוהם פון פריהלינג און יוגענד, שטיפעריש און שמייכלענדיג בערוישט פון׳ם יוגענד כשוף, וואנ־זיניג מיין יוגענד־טאנץ געשפיעלט, פאנטאסטישע אונזעהבארע הימלישע פארהאנגען אויסגעשפינט, אין די ערד דעם וועג פון מיין פליסיגע יוגענד מיט זיי אויסגעשפרייט.

יענע צייט איז שוין לאנג אוועק. די גאלדענע קינדהייט איז אויף אייביג פארשוואונדען, דאס שטורמדיגע לעבען האט מיך פון דארט אוועקגע־ריסען, צוביסלאך אין מיין שטעדטעלע פערגעסען, נאר אמאל א בריוועלע געשריבען, א גערוס פון דארט געהערט.

אבער שנעל ווי א בליץ איז דאס אויך פארשוואונדען. די וועלט קא־טאסטראפע האט אלע טיילען וועלט מיט אייזערנע קייטען אפגעצוימט. הונ־דערטער טויזענדער פאמיליעס אין פינסטערען תהום געשליידערט, גאנצע דערפער, שטעדט און שטעדטלאך פון ערד קוגעל אפגעווישט. און וואס מאכסט דו מיין טייער, ליעב שטעדטעלע ? מיין יוגענד אונפארגעסליך היי־מאטה לאנד ! ביסטו צווישען די לעבעדיגע ? אדער אפשר איז שוין פון דיר קיין זכר ניט געבליעבען ? און דיינע פראכטפולע סעדער און וועלדער זיינען אין טויטע שטעכיגע דערנער פארוואנדעלט געווארען ! אדער גאר אין בערגלאך קברים, וואו עס זיינען פארשאטען געווארען דיינע קינדער וואס האבען דיך פארפלאנצט !

אבער ניין! ס'קען נישט זיין! דו מיין טייער שטעדטעלע לעבּסט! דער אשמדאי האָט אויף דיר קיין שליטה נישט געהאַט! און צו קען דען דער אשמדאי פערטיליגען דעם וואָס גאָט אליין האָט פאַר זיך אויסדערוועהלט? דאָס וואָס גאָט אליין האָט דערמיט געוואָלט פאַרקערפּערען דאָס פאָלקאָמענע שענהייט פון די נאַטור, און צו זיינען דען ניט די שטומע בּוימער פון די וועלדער, סעדער און גערטנער לעבעדיגע עדות או דאָס איז גאָט'ס ווילען?...

ניין אשמדאי! דו האָסט מיט דיינע טויטע לאַפּעס מיין שטעדטעלע נישט בּעריהרט! דו מיין שטעדטעלע לעבּסט! און איך בּעגרים דיך יעצט! שלום עליכם דיר! מיין טייער יוגענד היימאַט לאַנד! און יעצט בּיי ערב גאולה, ווען דער שופר של משיח האָט שוין געבּלאָזען זיין ערשטע תקיעה, און די וועלט שטעהט אויף'ן שוועל פון בּעפרייאונג, שטרעק איך אויס מיין האַנד פון ווייטענס צו דיר ליעב און טייער שטעדטעלע!

אזוי ווי אַן אדלער וועל איך צו דיר פליהען! איבּער שטיינער, און פעלזען, איבּער בּערג און טאָלען, איבּער וואַסערען און מדבריות וועל איך צו דיר לויפען! אין דיינע אָרעמס וועל איך פאַלען! דיינע ליפּען וועל איך זויגען... איך וועל זיין דיין קינד, און דו וועסט זיין מיין מוטער, דו וועסט מיך בּעשיצען פּונקט ווי אַמאָל...

דו וועסט מיר אַ מתנה שענקען, דיין מילדען הימעל־ווינט, און דיינע, נאָר דיינע גוטע ליעבּע שמייכלענדע זון, וואָס וועט מיך לאַסטשען, גלעטען און צערטלען. שטיפען און שפּיעלען וועל איך זיך מיט איהר אזוי ווי אַמאָל...

אַ גאַלאָפּ וועל איך מיט איהר אונטערן שטאָדט לויפען... אין וואַלד, אין סאַד, אין גאָרטען. דאָרט וואו זי פלעגט מיר אזוי צאַרט, מחיה'דיג זיס וואַרמען... אזוי פיעל געטליכע סודות דערצעהלען... אזוי פיעל זונען קראַנצען מיין יוגענד בּאַפּלעכטען...

און יעדען פריהמאָרגען בּיים זון אויפגאַנג, וועל איך צו דער וויסעל אוועקגעהן... דאָרט וועל איך לאַנג, לאַנג שטעהן... זעהן ווי די זון טינקט זיך אין די זילבּערנע שוים פון דער ווייסעל, און דעקט איבּער די דעכער פון'ם שטעדטעלע מיט איהר גאָלדענע קרוין...

אויך יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט וועל איך צו דער ווייסעל געהן, און זעהן ווי אזוי די שטאָדטישע זון קומט מקבל שבת זיין בּיי דער ווייסעל און ווי די ווייסעל טהוט אַן איהר שבת'דיג ווייס־זיידען קלייד, און ווערט פערשלעפּערט צוזאַמען מיט דעם שטעדטעלע אזוי ווי מיט מיליאָנען ווייסע מלאכים פליגלען פון די מלאכי השרת . . .

און אפשר וועל איך נאָך מיט אויפגעקאָכטעטע הייזעלאך לויפען אונ־טער'ן שול הויף אין די גרויסע זאַמדען?...

ווער ווייסט?...

ענטוישט

שטענדיג האָב איך פון איהר געטראכט.

איהרע גרויסע הימעל בלויע אויגען, און דער נאַאיווער שמייכעל אויף איהרע ליפּען זיינען תמיד פאר מיינע אויגען געשטאַנען.

אין אָנהויב פון די פריהלינגס טעג, ווען די זון טהוט אויס דעם ווינ־טער פּעלץ, און הויבט אן ליעבליך צו וואַרעמען אזוי ווי מיט א צערטליך וואַרעמע האנד, דאן, ווען דאָס הארץ הויבט אָן אַזוי מאָדנע צו נאַגען, ציהען און בענקען צו עפּעס אונבעשטימטעס... אונענדליכע שטורמדיגע געפילען רייסען זיך דאָרט אריין... דער לוסט פון לעבען עפענט ברייט פאנאנדער זיינע אָרמס און רופט אַלעמען צו זיך... אין יענער צייט האָב איך איהר געזעהן...

ווי די זון האָט זי געשיינט. ווי א רויז האָט זי געבליהט, און אַזוי ווי א זומער פויגעלע האָט זי געלאַכט און געשטיפט.

ווי איז דאָס געווען דער פריהלינג אַליין, וועלכער האָט מיין הארץ מיט אזוי פיעל זונען־קראַנצען דורכגעוועבט. און מיין נשמה אין א בלומען גאָרטען איינגעפלאַנצט...

אויך אין די אסיען־טעג, ווען די זון בעהאַלט זיך אונטער די וואָל־קענס און די טעג זיינען מעהרסטענס טונקעלע, גרויע, פערוויינטע. ווינטען בלאָזען. די בוימער ווערען הויל נאַקעט, און די רעש׳יגע גרינע בלעטער פאַלען אָן בערגערווייז אויף דער ערד. א יאָמערליכער ווינט טהוט ווי מיט איין וועה א שליידער אוועק ערגעץ ווייט, וואו פון זיי בלייבט מעהר קיין זכר ניט.

אין יענע מאָמענטען ווען דאָס הארץ ווערט מיט א פוסטע טעמפּ־קייט אָנגעפיהלט. א קאַלטער אומעט טריפט און דרינגט דורך די נשמה. דאַן, האָב איך איהר ווידער געזעהן.

שטיל און טרויעריג, געבויגען איהר קאָפּ, האָט זי איהרע גרויסע צניעות׳דיגע אויגען אויף מיר אנגעשטעלט. זי האָט מיר טיעף אין מיינע אויגען געקוקט... און זי האָט אין דער שטיל עפּעס געשעפּצעט... איהר קול איז געווען טרויעריג, צאַרט און זיס... א ים רחמנות, טרויסט און ליעבע, האָט זיך דאַן פון איהר קול געהערט... מיין פוסטע הארץ איז פיעל מיט האָפ־נונגען און אייביגעס גליק אָנגעפולט געוואָרען... וואָרג נישט ליעבסטער האָט זי מיך געטרויסט. דער הערבסט וועט נישט לאַנג אָנהאַלטען. אויך דער זומער וועט אין גיכען קומען...

אזוי האָב איך פון איהר א גאַנץ קיילעכדיגען יאָהר געטראכט.

זעכציג

אפילו אין חלום האב איך איהר געזעהן. אין מיינע ארמס איז זי געווען איינגעקלאמערט און איהר ברענענדער קערפער האט מיך לײדענשאפט־ליך געשטאכען...

אמאל ווידער איז זי לעם מיין בעט געזעסען... איהרע האר זיינען געווען צושויבערט איבער איהרע אקסלען און אריבערבויגענדיג זיך נאהענט איבער מיין בעט, האט זי צו מיר עפעס געערדט. איהרע שנעע ווייסע ארמס, און די רונד הויכע ברוסט וועלכע האט זיך ווי ים כוואליעס געהויבען... און איהר שטארק־הייסער אטהעם וואס האט מיר אין פנים געשפארט, האט מיך פארשרף׳עט... דענטסמאל בין איך ווי א וואנזיניגער פון׳ם בעט געשפרונגען און אלע ווינקעלאך פון צימער האב איך איהר געזוכט... דורך׳ן פענסטער האב איך מיין קאפ ארויסגעשטעקט, איהר אין די טיעפע נאכט פינסטערניש געזוכט...

און אבוואהל איך האב איהר אין דער ווירקליכקייט נאך קיינמאל ניט געזעהן, האך האב איך איהר גרינדליך געקענט מיט אלע איהרע שטריכען און מאניערען.

אט אזוי ווי זי האט זיך אין מיין פאנטאזיע געמאלען.

הויך, שלאנג און בויגיג ווי א יונג־סאסנע בוימעלע, מיט א קאפ געדיכטע גאלד־בלאנדע האר ווי לאנגע דינע זיידענע פעדים. א רונד־לענגליך פנים׳על, פון וואנעט עס קוקען ארוים צוויי גרויסע הימעל־בלויע צניעות׳דיגע אויגען. א קליין קיילעכדיג מיילעכעל וואו עס שוועבט אימער א נאאיווער קינדערשער שמייכעל. ווען דער שמייכעל צושפרייט זיך איבער איהר פנים, און איהרע קליינע ליפעלאך עפענען זיך אויף; קוקט דאס אוים ווי א מיילכעל פון א קליין בלומען קעפעלע וועלכע עפענט זיך אנטקעגען די קושענדע זונען שטראהלען...

יאהרען לאנג האב איך איהר געזוכט, מיין גאנצעס לעבען האב איך פון איהר געטרוימט... זי איז דאס געווען די איינציגע פרויען־וועזען וועלכע האט מיין הארץ און נשמה געפאנגען... און פאר מיר די טויערען פון אלע וועלטען אויפגעעפענט... מיך געפיהרט צו דעם רוים פון עוויגקייט... ליעבע און גליקזעליגקייט...

און ענדליך, נאך אזא לאנגעם זוכען האב איך איהר דאך געפונען. דאס איז געווען אין יענעם אבענד ווען איך האב זיך געפונען אין דעם גרויסען פראכטפאלען טאנץ זאאל.

דער זאאל איז געווען וואונדערבאר שעהן: פיעלע עלעקטרישע לעמפלאך פון פערשיעדענע קאלירען האבען געברענט און האבען איינגעהילט דעם גאנצען זאאל אין א סך פייער־קאלירענדע עפעקטען. מיט אמאל האט א גאנץ נייער ים מיט פייערלאך א שטחאם געטהון, דאס האבען זיך די

פארהאנגען אויפגעהויבען. דער גרויסער מיט „פלעגס" אויסדעקערירטער פלאטפארם האט א בלישטץ געטהון פאר די אויגען, דער ריזיג־גרויסער ארקעסטרא מוזיק האט הילכיג א שטורם געגעבען, יונגווארג האבען זיך געלאזט איבערן זאאל... וועלכער איז גלייך פארוואנדעלט געווארען אין איין גרויסען האָד יונג־פרעהליכע טענצער. די גראבע באסאווע פויק האט געדונערט איבערן זאאל, אין מיינע אויערען האט עפעס אנגעהויבען צו רוישען, א מיערקייט איז אויף מיר אנגעפאלען. האב איך מיר אויסגעזוכט א בעקוועמען פלאץ און איך האב זיך גאנץ גוטמוטיג אוועקגעזעצט.

אבער דא האב איך איהר דערזעהן... יא! דאס איז זי, האט מיר א גליהענדער שטאך אין מיין מוח דערלאנגט... און פייערדיגע פונקען האבען אנגעהויבען צו טאנצען אין מיין הארצען...

כ'בין גלייך געווארען ענטציקט פון איהר שטילען און מילדען ריידען. זי האט גערעדט מיט אזא דין, צארט קולכ'על ווי א אונשולדיג חדר־אינגעל וואס בעט זיך ביי זיין רבי'ן, ער זאל איהם באפרייען פון חדר... גערעדט האט זי כלומרשט צו איהר בעגלייטערין, א מיידעל עטוואס אינגער פון איהר, אבער אראפלאזענדיג איהר קאפ פערשעהמט האט זי נאאיוו געקוקט אויף מיר... וואס זי האט גערעדט האב איך ניט געוואוסט, ס'איז מיר ניט געווען אינטערעסאנט, בלויז איהר קול, איהר ווייך לאשצענד רחמנות קול'כעל וואס האט ווי א יונג שוועלבעלע געקלונגען... דאס איז מיר געווען הייליג, ליעב און ערקוויקענד...

איהר קול'כעל האט מיך פער'כשופ'ט, און מיך איינגעהילט אין א זיעסען דרעמעל פון אונענדליכעם גליק... כ'בין געווארען ווי צוגעשמידט צום פלאץ און אזוי פערגעסענדיג זיך האב איך זיך מיט מיינע הענד אנגעשפארט אויף דער פארענטשע וואו זי איז געזעסען, נאר דא האבען זיך מיינע אויגען מיט איהרע בעגעגענט. עטוואס האב איך דאן בעמערקט וואס מיין הארץ האט זיך האסטיג א הויב געטהון, און מיין מויל האט אנגעהויבען צו ציטערען.. א רויטע פייכקייט האט זיך פון איהרע אויגען געזעהען... אזוי ווי מיט טרעהרען פערגאסען, א זאנדערבארער רחמנות געפיהל האט זיך אין מיין הארצען צושפיעלט... אט דאס אונשולדיגע קינד וויינט גאר?... כ'האב געוואלט הויך אויסשרייען וואס וויינסט דו קינד?... נאר די ווערטער האבען זיך אין מיין האלז פערשטעלט, כ'האב טיעפער אין איהרע אויגען געקוקט זעהן צי זי וויינט. אבער זי האט איהרע אויגען אן א זייט אפגעקערט... און זיך אויסגעהיט פון צו קוקען אויף מיר.. נאר צייטענווייז האט זיך איהר בליק געוועקסעלט און ווען ער איז געפאלען ניט ווילענדיג אויף מיר, איז זי רויטלאך פערשעהמט געווארען... איהר קאפ האט זי מעהר ארונטערגעלאזען אזוי ווי א פרומע אידישע טאכטער צו איהר חופה...

איהרע אויגען זיינען געווען בלוי ווי דער הימעל. א נאסע פייכקייט האט זיי בעדעקט. פונקט ווי וואלקענס וואס זיינען פול אנגעזאפט

מיט וואסער און זיינען גרייט די ערד נאס צו מאכען... זי האט נישט געוויינט נאר גערעדט וויינענדיג, איהר קול האט געקלונגען אזוי וויך, בעטענד און לאשצענד, אז דורך מיין הארץ האט עפעס אזוי ווי מיט אן עלעקטרישער דראהט דורכגעציטערט. א טיפער רחמנות־געפיהל האט געדריקט מיין געמיטה אין מיין האלז האט מיר אנגעהויבען ווערען ענג, אזוי ווי אימיצער וואלט מיך געשטיקט... כ'האב אינסטינקטיוו דערפיהלט ווי עפעס צו זאגען, צו טרויסטען איהר. נאר דא האבען זיך אונזערע בליקען ווידער בעגעגענט. דאס מאל האט זי אויף מיר אביסעל לענגער געקוקט. א קינ־דערש פערשעהמטער שמייכעל האט זיך פון איהרע ליפען א ווייז געטהון און איז גלייך פארשוואונדען... איהר פנים איז צוריק מיט איהר צניעות'דיגע ערנסטקייט באדעקט געווארען, נאר דאס רויטקייט פון איהרע באקען וואס דער שמייכעל האט פאראורזאכט און אין גאנצען ניט פערשוואונדען. אויף איין האלבע באק איז פארבליעבען צוויי רויטע פלעקען... קענטיג זי האט זיך שטארק פארשעהמט...

איהר בעגלייטערין האט איהר א לייכטען נעהם געטהון אונטערן ארם צו געהן. אבער זי האט קיין חשק געהאט, מחמת זי איז אונרוהיגער געווארן.. איהר פנים האט אויסגעדריקט ווי זי געפינט זיך אין א פארלעגענהייט...

איהר חבר'טע האט זיך א הויב־געטהון פון פלאץ, און זי איז גע־בליעבען זיצען... איהרע אויגען האבען אנגעהויבען בלאנדזען אהין און אהער. אהן א ציעל, ענדליך איז איהר בליק אויף מיר געפאלען... דאס גאנצע פנים איז איהר פארפלאמט געווארען... איהרע אויגען האבען א גלאנץ געטהון... עפעס א בלוי פייערל האט זיך דארט אנגעצונדען... דאס רויטע פייכקייט איז אין גאנצען פארשוואונדען. א העלע בלויקייט האט ארויסגעשעמירירט, און איהר גאנצער קערפער האט זיך גראציעז א באוועג געטהון... און זי האט אויף מיר נאכאמאל געקוקט... מיט א בעטענדען בליק...

הייסע ווינטען האבען אין מיין הארצען אנגעהויבען צו יאגען... מיינע אדערען האבען געצוקט, און דאס גאנצע בלוט האט זיך מיר אין איין פלאץ פארזאמעלט... פאר מיינע אויגען איז עפעס ווי פארבייגעפלויגען... וואס האט איבערגעלאזט א טונקעלע פערבלענדעניש, ס'האט זיך געדרעהט ארום מיר א סך קאלירענדע פינטעלאך און מיין קאפ האט זיך געמישט. און דאס פלאץ וואו איך בין געזעסען האט געבריהט ווי מיט הייסע אייזענס...

כ'האב איהר געוואלט זאגען וואס איך פיהל... ווי שטארק איך ליעב איהר... און ווי לאנג איך האב איהר געזוכט... אבער דא איז אונטערגעקומען דער קאלטער אונברחמנות'דיגער גזלן, וואס האט זי פון מיר אויף אייביג אוועק־גענומען.

דאס איז געווען איהר געזעצליכער מאן...

....

שבועות ביים רבי'ן

עס איז ערב שבועות.

דער מארק איז פול מיט פויערישע פוהרען, און אידען לויפען פארסאפעט מיט אנגעפאקטע „קערבלאך" פרוכט אויף זייערע פלייצעס, עלטערע אידען קויפען תקונים'לאך, און חברה קליין־ווארג לויפען בארוועס איבער'ן מארק. זייער סווישטשעריי פון די נאר וואס אפגעריסענע גרינע צווייגען הילכט אפ איבער'ן שטעדטעל.

ביי דוד אבא'לעס אין הויז, איז שוין אויסגעשטעלט „גרינס" אויף די פענסטער, און אויף די „באלקענס", דבורה, זיין ווייב, שטעהט אין דער יום־טוב'דיגער אויסגעפוצטער קיך נעבען טיש, און קאטשעט מיט „חושק" א בלעטעל־טייג אויף „מילכיגע קנישעס". ארום איהר איז אויסגעשטעלט א טאפ פוטער און א שיסעל קעז, און די צוויי קלענערע אינגלאך שטעהען מיט פארפלאמטע בעקעלאך און קוקען איהר גלייך אין די אויגען אריין...

אין זאל דרעהט זיך ארום א יונגערמאן מיט א שווארץ־זיידענע „קאפאטע" און א זיידענע „יארמולקע" אויף זיין קאפ, א גמרה ליגט פאר איהם אפען, ער געהט ארום ווי פארטראכט, און דרעהט זיינע פאות" עטליכע מאל אויף איין פלאץ, קרייזעלט זיי מיט'ן פינגער אזוי לאנג, ביז ער שטעלט זיך אפ ביים שפיגעל, ענדיגענדיג דאס פערגלייכען זיינע פאות'ען ביים שפיגעל, וואו ער זעהט זיך אין גאנצען, טהוט ער שוין בשעת מעשה א „בארשט" אויס מיט זיין האנד דאס שווארצע בערדעל, וואס פאסט זיך צו זיין לענגלאך שווארץ חנו'דיג געזיכט, ער טוט נאכאמאל א פאר מיט זיינעביידע הענד איבער זיינע שענע דיק געקרייזעלטע פאות'ן, ער מאכט לויז זיין גארטעל, בינט איהם איבער אויפסניי, און נעמט ארויס פון זיין קעשענע א זילבערנע „פאפיראסניצע", פון וואנעט ער ציהט ארויס א פאפיראס. פעררויכערענדיג דעם פאפיראס, זעצט ער זיך אוועק אויף די ווייכע לעדער אויסגעבעטענע שטוהל ביים פענסטער וואו די גמרה ליגט אפען.

לערנען גלוסט זיך איהם שוין ניט, מחמת באלד, באלד וועט קומען די „קארעטע" און ער וועט פאהרען מיט זיין שווער צום רבי'ן...

ער פארטראכט זיך, און טרויעריגע געדאנקען הויבען אן צו פרעסען זיין געמיטה, דערמאהנענדיג זיך אין דער צייט, ווען ער האט נאך געלערנט אין דער ישיבה, ווען אין א שעהנעם טאג איז אנגעקומען אין'ם הויף פון דער ישיבה א „קארעטע" געשפאנט אין פיער פערד... פון אינווייניג איז ארויס א רייכער איד, מיט א ווייסע לאנגע בארד, וועלכער איז באלד אריין אין דער

ישיבה, און צוזאמען מיט'ן „ראש הישיבה" ארומגעשפאציערט, רעדענדיג צווי־שען זיך, און ווארפענדיג אלע מאל „בליקען" אויף זיין „שטענדער"... אלע ישיבה בחורים האבען זיך געסוד'עט אז דער רייכער איד איז געקומען נעמען א בחור פאר אן איידעם פון דער ישיבה...

אביסעל שפעטער איז דער ראש הישיבה צו איהם צוגעגאנגען, און האט איהם ארויסגעפיהרט אויף'ן הויף. אנווייזענדיג אויף דעם איד פון דער „קארעטע", האט ער איהם געזאגט אז דער איד וועט זיין, זיין שווער... ער האט זיך אריינגעזעצט אין דער „קארעטע" און איבער'ן גאנצען וועג האבען זיי גערעדט תורה...

ווען די „קארעטע" האט זיך אפגעשטעלט, איז שוין געווען נאכט, א יונגער „לאקיי" האט אויסגעשפאנט די פערד און זיי זיינען אריין אין הויז.

אריינקומענדיג אין הויז איז ער געווארען שטארק נתפעל, דאס הויז איז געווען רייך און שעהן אויסגעמעבעלט פון די טייערסטע און שעהנסטע מעבעל. דער איד מיט דער לאנגער באָרד האט איהם געהייסען זיצען, ער האט זיך אוועקגעזעצט עפעס אויף אזא מאָדנע ווייכע אויסגעבעטענע שטוהל מיט „ספריזינקעס" וואס האט זיך געהויבען ארויף און אראפ... אויף אזא שטוהל איז ער נאך קיינמאל ניט געזעסען... ער האט זיך שטארק אפגעוואונ־דערט אויף דעם לאנגען קאסטבארען שעהנעם טיש, אויף וועלכען עס האט געברענט א גרויסע שעהנע „בליץ־לאמפ" און די שיין פון דער לאמפ וואס האט אזוי העל און לויטער אפגעלויכטען אויף דעם גאנצען לענג פון'ם טיש וואס איז געווען אנגעשטעלט מיט א סך גאָלדענע און זילבערנע כלים, און אויך אויף'ן גאנצען הויז, און די ווענט וואס איז געווען אויסגעציערט און אויסגעמאָהלען מיט פראכטפאלע בוימער און בלומען, האט אין זיינע אויגען אויסגעזעהען ווי אן אמת'ער גן עדן... אויף'ן טיש איז געווען אנגעשטעלט פון כל טוב... זיינע אויגען האבען זיך ניט געקענט אנזעטיגען, און ניט גע־וואוסט אויף וואס פריהער צו קוקען... אנטקעגען איבער איהם, איז געזעסען א יונגע בתולה, געקליידעט אין סאמעט און אין זיידען, אויף איהר האלז איז געווען אריבערגעצויגען א טייערע שנור פערעל. זי איז געזעסען און האט נאָרניט גערעדט, נאר זי האט געקוקט עפעס אין א „ספר"...

און טאקע יענעם אויפדערנאכט, איז געווען „א קבלת קנין" שפעטער א „תנאים", און א חתונה, זיין כלה איז געזעסען ביי די „תנאים" פארטראכט און פארקלעהרט, אזוי ווי זי וואלט זיך געשעהמט איהם אין די אויגען קוקען... ער האט זיך אויך געשעהמט... אמת טאקע ער האט שוין געוואוסט אז זי איז זיין כלה אבער פארט קודם החופה...

עס איז שוין באלד א יאהר נאך זייער חתונה, און זי איז נאך אלץ, די זעלבע טרויעריגע, פארשעהמטע, און קאלט פרעמדע כלה ווי אמאל, אין הויז ווען זיי זיינען מיט'ן שווער און שוויגער צוזאמען, איז נאך ווי עס איז,

דאָן ציינט זי איהם דאָך עפּעס אַ פרעהליכען אָנשטעל, אבער אַליין, ווען זיי בלייבען אליין... דאָן איז זי ווי אַ פרעמדע... אין גאַנצען ווי אַ פרעמדע... אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט איהר מאַן געווען.. אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט גענומען חופה וקדושין מיט איהר...

און זיין פאַנטאַזיע צושפּיעלט זיך נאָך ווייטער, ער דערמאָהנט זיך אין זיינע יונגע יאָהרען, נאָך איידער ער איז געפאָהרען אין דער ישיבה אריין. דאמאָלס איז געווען אזוי גוט ! אַזוי וואויל ! און חוה'לע דעם מילנער'ס טאָכטער, זי איז געווען אַזאַ גוטע, וואוילע און גראָטענע מיידעל. תמיד ווען זי האָט איהם געזעהען, האָט זי געלאַכט, געטאַנצט און געשטיפּט. זי איז געוועזן אַזאַ פרעהליכע, גוטע, ליעבליכע מיידעל. זי איז צו איהם אזוי גוט געווען, אַזוי ליעבליך געווען, גאָרניט ווי קיין פרעמדע, נאָר עפּעס אזוי ווי אַן אייגענע שוועסטער... ער געדענקט נאָך יעצט, ווי איהר שמייכלענדעס פּנים איז פעראומערט געוואָרען, ווען ער האָט איהר געזאָגט אז ער געהט אַוועקפאָהרען אין דער ישיבה. „ביזט אַזאַ שלעכטער ! האָט זי מיט אַ טרויעריגע מינע געזאָגט און מיט אַ קינדערש געוויין האָט זי זיך ביי איהם געבעטען : פאָהר נישט יצחק'על ! האָט זי אַראָפּלאָזענדיג איהרע אויגען צו דער ערד און גלעטענדיג מיט איהר דין ווייך הענטעל זיין קאָפּ, קוים, קוים אין דער שטיל ארויסגעשעפּטשעט. — פאָהר נישט יצחק'ל, איך וועל נאָך דיר שטאַרק בענקען. וועסטו נאָך מיר ניט בענקען ? . . . זאָג ! . . . צו וואָס דאַרפסטו זיין פאַרוואָגעלט פון דער היים ? . . . וואָס וועט דיר ארויסקומען דערפון .. און אז דו וועסט שוין קענען גוט לערנען, וואָס וועסטו האָבען דערפאַר ?.. וועסט ווערען אן איידעם אויף „קעסט", דערפאַר וועסטו קריגען אַ כלה, וואָס דו וועסט אפשר מיט איהר קיינמאָל גליקליך ניט זיין...

ער שוידערט אויף, דערמאָהנענדיג זיך, ווי דום, נאַריש און אונוויסענד ער איז דאָן געווען. און ווארום האָט ער האָם ליעבליכע קינד חוה'לע אַזוי נאַריש, אומגעלומפּערט פון זיך פאַרשטויסען, פאַרוואָס האָט ער איהר ניט געפאָלגט ?... אוי ! ווי אמת און הייליג חוה'לע האָט געזאָגט... ווען זי וואָלט געוואוסט ווי מיר איז יעצט... אָך גאָט ! האָט ער זיך ביים קאָפּ אָנגעכאַפּט... אַ פאַרביטערטער יאוש און כעס אויף זיך זעלבסט האָט איהם ארומגענומען, טרעהרען האָבען איהם אָנגעהויבען אין האלז צו ווערגען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ אויף זיינע קניען און האָט שטיל געוויינט...

ער האָט ניט געהערט ווי זיין ווייבעל לאה'לע איז אריין אין זאאל. ער האָט דערפיהלט אַ לייכטען צופּ אין זיין אַרבעל, און האָט האַסטיג מיט שרעק זיך אומגעקעהרט פון אונטען, וואו זי איז געשטאַנען. ווען ער האָט איהר ענטבליקט, האָט איהם א הייסער פאַרלאַנג ארומגענומען... ער האָט אָנגענומען איהר האַנד און זי געצויגען צו זיך, געוואָלט איהר ארומנעמען און קו־

שען... דריקען איהר פעסט צו זיין הארצען... זי האָט זיך ניט געלאָזט... ישפּע־טער, ווען דו וועסט קומען... האָט זי קאַלטבּלוטיג געזאָגט. זעהסט ! עס איז שוין געשפּאַנט די „קאַרעטע", האָט זי אַנווייזענדיג איהם מיט'ן פינגער צום פענסטער, און באַלד, אָט שוין זעהסט, קומט דער טאַטעשי — האָט זי מיט צופריעדענהייט און כמעט ווי טאַנצענדיג גערעדט... דוד אבּא'לעס, זיין שווער, איז אריין אין זאַל.

נו ! וואָס זיצסטו עפּעס פאַרטראַכט, יצחק'על ?.. דוכט זיך עס איז שוין שפּעטלאך ! און מ'דאַרף נאָך מנחה דאַוונען, האָט ער בּהרחבות'דיג גע־גלעט זיין לאַנגע באָרד.

זיי האָבּען אָפּגעדאַוונט מנחה און זיינען ארויף אויף דער „קאַרעטע". לאה'לע, דאָס יונגע ווייבּעל און דבורה איהר מוטער האָבּען זיי ארויסבּעגלייט אונטער'ן שטאָדט... זיי מיטגעגעבּען עפּעס טועם צו זיין איבּער'ן וועג. דבורה האָט געזאָגט עטליכע פּסוקים... דער שייגעץ האָט דערלאַנגט א הילכיגען קנאַל מיט'ן בּייטש און די קאַרעטע איז פאַרשוואונדען אין וואַלד...

נאָך זייער אוועקפאָהרען האָט לאה'לע אָנגעהויבּען צו פיהלען בּעסער, עפּעס אַזוי ווי א ישווערקייט איז איהר ארונטער פון הארצען... דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז פאַרהייראַט, פיהלט זי אַזוי פריי און גוט אויפגעלעגט... וואָרום די גאַנצע צייט פון איהר חתונה פיהלט זי זיך שטאַרק געדריקט און אין א טרויער־שלייער איינגעהילט איז זי תמיד געווען, מיט א קאַלט הילפלאָז פאַר־מרה'שחורה'עט געזיכט פלעגט זי שטענדיג ארומגעהן איבּער די שעהנע און רייכע צימערען פון איהר פאָטער'ס הויז און איז געווען צו אלעם גלייכגילטיג...

זי האָט איהר מאַן קיינמאָל ניט געליעבּט, אויך נישט יעצט, שוין זייענדיג זיין פרוי. חתונה געהאַט האָט זי מיט איהם, ניט ווייל זי האָט געוואָלט, נאָר ווייל איהר פאָטער האָט געוואָלט... זי האָט געפּאָלגט איהר פאָ־טער וועלכען עס איז געווען דער איינציגער וואונש צו האָבּען אַן איידעם אַן בּן תורה. זייענדיג א בּת יחידה, איז זי געווען צו ערדעל איהר פאָטער אַזוי פיעל עגמת נפש צו פאַרשאַפען און איהם אָפען ערקלעהרען אַז זי האָט ניט ליעב דעם חתן, וועלכען איהר פאָטער האָט פאַר איהר אויסגעקליבּען. זי האָט בּעסער געאָפּפערט מיט איהר יוגענד און גליק, צוליעב דעם כבוד פון איהר פאָטער . . .

דוד אבּא'לעס, איהר פאָטער, א עכט פרומער חסיד'אישער איד, האָט נאָר געטראַכט וועגען תורה, און פאַר זיין בּת יחידה א „זיווג" האָט ער געזוכט אַן עלוי, אַזעלכען וואָס מיט איהם זאָל שם'ען, און ער זאָל זיך מיט איהם ניט ישעהמען אפילו בּיים רבּי'ן... ער האָט געזוכט אין אלע ישיבה'ס און אַזעל־כעס ווי יצחק'ל האָט ער אין ערגעץ ניט געפונען. א „פרי עץ הדר" האָט דער ראש ישיבה אויף איהם געזאָגט. אין גאַנצען איז ער אַלט געווען נייניצעהן יאָהר און שוין איז ער געווען א בּקי בּש"ס ובּפוסקים. לאה'לע איז מעהר ניט

אלט געווען ווי זיעבצעהן יאהר, אבער איהר פאטער האט ניט געוואלט לענגער ווארטען, מחמת זי האט זיך עפעס אנגעהויבען אריינצולאזען אין די „טריפה פסול" אין די פוילישע ביכלאך... און פלעגט אויך אמאל פארשוואונדען ווערען פון הויז אויף עטליכע שעה... איהר פאטער, א קלוגער חסידישער איד, האט זיך מישב געווען, אז עס איז גלייכער דאס ניט צו לאזען אין די גרויסע דרכים אריין... חתונה מאכען איהר וועט זיין די בעסטע רפואה, האט ער געטראכט און האט טאקע אזוי געטהון.

לאה'לע האט צו זיעבצעהן יאהר חתונה געהאט מיט יצחק'ל דער עלוי. זי איז געווען זיין פרוי, בלויז פאר דער וועלט, אין דער ווירקליכקייט אבער איז זי געווען גאנץ ווייט פון איהם... ניט קוקענדיג וואס ער איז געווען אן ערלער יונגער מאן, מיט עלעגאנטע שטריכען און מאניערען, האט זי איהם דאך ניט ליעב געהאט, מחמת איהר יונג הארץ האט בעלאנגט צו א צווייטען, צו אזעלכען וואס קיינער אין שטעדטעל וואלט ניט געהאט דעם מינדסטען חשד. זי האט ליעב געהאט מיכאיל פאדראווסקי, דער יונגער שייגעץ פון'ם רייכען פאדראטשיק אין שטעדטעל. זי האט איהם געליעבט מיט איהר גאנצען פייער שטראם פון איהר יוגענד... און ער איהר נאך שטארקער... נאך הייסער... ווייט אונטער'ן שטאדט אויף די גרינע פעלדער צווישען די גערדיכטע תבואות זאנגען פלעגען זיי אלעמאל זיך טרעפען... און דארטען טיילמאל גאנצע שעה'ן אפ-זיצען... קיין לעבעדיגער מענש האט פון דעם ניט געוואוסט...

די נאכט פון שבועות...

איינגעהילט אין גרינע סאמעטענע מאנטלען, דורכגעוועבט פון העל לוי-טער קריסטאלענע און זילבערנע „אזוערס" וואס ציהען זיך לאנגזאם ווי טייערע פערעל-שטיינער, איבער גרינע לאנקעס, איבער וועלדער, גערטנער און סעדער שטעהט דאס קליינע שטעדטעלע און די קליינע הייזלאך איינגעטונקען אין גרינס, באלויכטען פון טויזענדער שיינענדע יום-טוב-ליכט שטעהען ווי די ריעזען, און קוקען שטאלץ און מאיעסטעטיש צום בלויען הימעל.

דער הימעל איז אויך עפעס מיט א בעזונדערען צויבער אויסגעציערט, א מיסטישער שיין פון ברענענדיגע מלאכים, האבען זיך אין אלע הימלען צו-גאסען, און א פייערדיגער זייל פון „כרובים און גלגלים" האבען זיך פון אלע הימלען פארזאמעלט, זיי פליהען דורך אלע הימלען, און ביים ברעג פון לעצטען הימעל בלייבען זיי. דא פאלט אויף זיי אן א גרוסע אימה. עפעס טראגען זיך בהלה'שע קולות, אזוי ווי דאס שאהלען פון א ריזיגער טריאומפירענדער מחנה. די קולות שפארען זיך אין אלע הימלען און די מלאכים הויבען אן פאר פחד צו ציטערען... די קולות קומען פון דער ערד, דאס זיינען די אידישע נגונים, די זיס-הארציגע און סקארבאווע טרויעריגע נגונים פון דעם אלטען „תיקון ליל שבועות". וואס רייסט זיך ארויס פון מיליאנען אידישע הערצער, פון מיליאנען אידישע נשמות, וועלכע האבען זיך אלע ווי איינער פארזאמעלט

אין זייערע יום־טוב'דיגע אויסגעפוצטע הייזער, אין זייערע יום־טוב'דיגע שעהנסטע און בעסטע מלבושים, צו פייערען מיט אהבה און כבוד דעם יום־טוב פון קבלת התורה.

און אין די דאזיגע הייליגע שבועות נאכט, זיצט דאס אידישע פאלק, דאס מערקווירדיג מארטירער פאלק, וועלכעס איז געווארען געבערענט און גע־בראטען אויף די „שייטער־הויפענס" צוליעב זייער תורה און גלויבען. שטארק און הייליג קלאפען די אידישע הערצער. א טיעפע גאטספארכטיגקייט צוגיסט זיך איבער זייערע פנים'ער און זייערע ליפען הויבען אן צו ציטערען. ווען זיי עפענען זיך און בלעטערען איבער די היסטארישע טעג פון דעם אידישען פאלק. דער פליסיגער קוואל פון די תרי"ג מצוות, לויטערט און טובל'ט אויס אלע אידישע נשמות און דאס גאנצע אידישע פאלק ווערט אין דיזער נאכט איינ־געהילט אין אן „עמוד האש" און קולות וברקים. פונקט ווי זייערע עלטער זיידעס בשעת מתן תורה.

און אט דיזע קולות וועלכע ברעכען דורך די הימלען קומען פון די נידעריגע קליינינקע שטיבעלאך דורך די „שפארעס" פון די פארמאכטע „לאדענס" רייסען זיך די קולות אין דער לופטען, אזוי ווי א ריעזיג גרויסער מלאכים כאר קלינגען זיי אין די נאכט שטילקייט, א צערטליך ווארעמער הימעל ווינט פון די מלאכים־פליגעל וועהט אויף זיי. און זיי ציהען זיך אויס ווי לאנגע פורפור גאלדענע פעדים וואס ווערט אלעמאל געדיכטער, ביז זיי וועבען זיך אויס אין א גאלד געשטריקטען הימלישען פארהאנג, וועלכער פליהט העכער און העכער און דערגרייכט צום הימעל. אלע מלאכים וויקלען זיך אין דעם איין און פליהען אוועק ווייט, הויך איבער אלע הימלען, ביז זיי קומען צום „כסא הכבוד"...

שטיל אויף'ן הימעל ! שטיל אויף דער ערד !

יום־טוב אויף'ן הימעל : יום־טוב אויף דער ערד !

הימעל און ערד האבען חברות געשלאסען ! מלאכים און מענשען זיינען אין איין בתה פארוואנדעלט געווארען. און אלע צוזאמען גרייטען זיך צום גרויסען יום־טוב פון קבלת התורה . . . .

און אונטערן שטאדט איז אויך שטיל !

א ווייכער זאנפטיגער נאכטיגער טהוי, האט זיך צופעריש מיט איהרע כשוף פליגעל איבער'ן גאנצען שטח פון די גרין סאמעטענע פעלדער אויס־געשפרייט, דאס האבען זיך די תבואות זאנגען אין דער נאכט שטילקייט, פון נאך'ן ערשטען משמור אין דעם הימעל טהוי זיך אפגעטוב'לט... און עפעס א שטילע נאכט תפילה אנגעהויבען צווישען זיך צו מורמלען... עפעס איז פון הי־מעל ארונטערגעפאלען א אונזעהבארע און אונבעשטימטע זאך, משמעות דאס הא־בען די מלאכים א שטיף געטהון... די תבואות זאנגען האבען זיך פאר דעם דערשראקען, מחמת זייערע קעפלאך האבען א לייכטען ציטער געטהון... אבער

גלייך האט זיי א זים ווינטעלע געבלאזען פון די מלאכים פליגעל אין זייער פנים א וועה געטהון... און אזוי ווי זילבערנע לאקען פון עפעס א הימלישען וועזען, האבען זיך די זאנגען פון דעם צארטען הימעל ווינט געלאזט שאקלען הין און צוריק ארויפקוקענדיג צום הימעל. א מחנה הימעל בריליאנטען האבען זיך אין איין פלאץ פארזאמעלט, און זיי האבען זיך אין א קאראהאד געלאזט... דער גאנצער הימעל האט זיך אנגעצונדען. דאס האבען זיך אלע הימלען ברייט פאנאנדער געעפענט, און א פייערדיגע בריק האט זיך אויסגעשפרייט... די שכינה האט דאס יעצט פון כסא הכבוד" אראפגענידערט... אלע הימלען, די מלאכים, און די ערד האט א מורא'דיגען טרייסעל געטהון... די תבואות זאנגען האבען זיך אין דרייען געבויגען: קדוש! קדוש! קדוש! א שירה צו די שכינה אפגעגעבען, פאר די גרויסע מתנה — די תורה...

און וויעדער ווערט שטיל. בלויז דער מילדער הימעל ווינט בעגלייט פון די מלאכים שירה שפאציערט לאנגזאם איבער דער ערד, גלעט און צערטעלט מיט פיעל ליעבשאפט די בלעטער פון די בוימער. די גראזען און די לאנגע הויך געוואקסענע תבואות זאנגען...

— —

דאס שטילקייט ווערט וואס אמאל מעהר און מעהר אויסגעצויגען. אזוי אז א הימלישער כשוף־דרעמעל האט אויף דער ערד מיט דינע זילבער פעדים א נעץ געמאכט. די גאנצע נאטור האט די נעץ איינגעהילט... אלעס שלאפט, אפילו דער הימעל־ווינט איז אויך אין דער נעץ פארנארט געווארען...

ס'הערט זיך שוין מעהר גארניט... נאר אין אט די טיעפע שטילקייט פון צווישען די גרויסע געדיכטע תבואות זאנגען, הערט זיך שטארק הייסע פערבאפטע אטהעמען פון צוויי יונג פארליעבטע נשמות...

איד און קריסט . . .

— —

דעם צווייטען שבועות איז דוד אבא'לעס אויך געפאהרען צום רבי'ן, אבער זיין איידעם שוין איבערגעלאזט אין דער היים...

ים און אנדערע לידער

פון

פיליפ וויינמאן

פון אונזער צייט

געעפענט האָט די אַלטע ערד איהר מויל
און האָט פון איהרע גרויע און געהיימע טיעפענישען
ארויסגעשפריצט האָט גיפטיג — גאַל און גרויל
דאס אייביג־אַלטע שלעכטץ האָט זיך בעוויזען...

וואָס איינגעזאַפּט האָט זי אין דורות־לענג
פון טויזענדער אונצעהליגע יאָהרען:—
געבאָרען זיינען:—עגדישען און שלענג.....
ארויס געשלאָגען האָט — א פלאַמענד צאָהרען...

און ווי דער שטראָם וואָס ברעכט א יעדען צאָם
האָט זיך די ווילדע האַס און וואוטה צוגאָסען —
און האָט אין רויט געפאַרבט די ערד און ים —
פערשניטען לעבענס:—ווי דער הערבסט די גראָזען....

די בליהענדע שטעדט, געבויט — פיעל מיה,
פערוואַנדעלט איז געוואָרען אין רואינען...
דער עדעל־שטאָלצער מענש — ווילדע פיה,
וואָס קעמפפט מיט האַס און צווייפעל, אָהן זינען...

— — — — — — — — — — — — — —

די בלוטדורשטיגע, אונגעהויערע וואוטה,
האָט זיך אליין פערניכטעט אין איהר אייגען בראַנד...
ס'טרינקט זיך די מענשהייט אין א ים פון בלוט
צוזאַמען: נמרוד'ס זינד... און קין'ס שאַנד...

וועז איך קוק אויף דיינע אויגען

וועז איך קוק אויף דיר מיין קינד;
—ווייל איך וויינען דען איך פיהל:
ווי דער ווארים פון פארצווייפלונג
עסט דיין הערצעל, גריזשעט שטיל . . .

ווען איך קוק אין דיינע אויגען;
—זעה איך דארט ווי אין א שפיגעל;
—פון דיין זעעלענקאמפף דעם שווערען
און—דעם שיקזאל׳ס שטרענגען זיעגעל . . .

קיינער ווייסט דיין סוד מיין קינד ! . .
קיינער וועט איהם ניט דערצעהלען . . .
דיין צער איז אפגעזאגט די טרייסט
דיין שטילען פיין איז שווער צו היילען . . .

דיין וועלט; — איז א לעדיגער בית עולם!...
דיין טאג; — איז פינסטער ווי די נאכט!...
אה! ווי עס ברעכט מיין הארץ פון אנגסט
ווען איך נור דיין ענד בעטראכט.

אז דעם שיקזאל׳ס האנד זאל שניידען
דיך; — די שעהנע לעבענס-בלום!..
די הארץ וואס בליהט, ליעבט און ליידעט...
זאל ווערען שטאר, שטיל און שטום!..

מיין הארץ איז א פיעדעל

מיין הארץ איז אַ פיעדעל, די אָדערען סטרונעס,
עס שפּיעלט זיך דער מזל אַ ליעדעל אויף איהר;
עס קרעכצט די פיעדעל, עס פּלאַצען די סטרונעס,
עס גיסען און גיסען זיך טרעהרען אָהן שיעור.

איך פֿרעג דיך, אָ, מזל, צו וואָס איז דיר נויטיג
פערשאַפּען מיר לאַנגזאַם דעם וועה?
גיב איינמאָל אַ שפּיעל, אַז פאר צער און וועהטאָג
זאָל בֿרעכען די פיעדעל איינס, צוויי . . .

גיב איינמאָל אַ שפּיעל, אַז די הערצליכע טרערען
זאָלען זיך אויסגיסען פון שמערצליכען קוואַל . . .
עס זאָל שוין די ליעד געענדיגט ווערען,
די ליעד וואָס איז ביטער ווי גאַל . . .

ד ע ר   ג ע ז א נ ג   פ ו ן   א ק י נ ו ס

„טרא־לא־טאלא, טרא־לא־טאלא,"
— אזוי זינגען און שאלען;
די רוישענדע שטורמענדע וואהלען —
עם קומען אָן מחנות ברויזענדע רינדער;
נאַטור'ס ווילדע און מוטהיגע קינדער . . .
זיי קומען אַנטקעגען; זיי רוישען, זיי שטרעקען
פון טיעפעניש ארוים זיך, און וועקען
געדאַנקען און געפיהלען פון דער ברוסט —
די שטורמישע פרייד; די ברויזענדע לוסט...
דעם גרויען טרויער, און פערצווייפלונג שוואַרצען —
זיי שלאָגען ארוים פון טיעפען הארצען...
— — — — — — — — — — — — —
און אזוי ווי זריעה, אין פריהלינג פון ד'ערד,
ווען די זון ערשיינט, און וואַרים ווערט: —
— אזוי ערוואך איך יעצט פול נייעם מוטה
פול קראפט, און הייסען לעבענ'ס־גלוט —
און מיט האָפנונגען נייע ! . . .
„טרא־לא־טאלא, טרא־לא־טאלא."

דאס הארץ און דער ים

אָט דוכט־זיך דער ים איז אַנטשוויגען
ווי אויפ'ן ברוסט פון דער מוטער אַ קינד —
און זעה: עס מוט זיך שטיל נור וויעגען,
דער מאַסטבוים געצערטעלט פון ווינד...

נאָר אָט האָט ער ערוואַכט מיט ווילדער קראַפט
און שטורעמט און פילדערט און שרייט,
— — — — — — — — — — — — —
און מיין הארץ האָט ערגריפען אַ בענקשאַפט
עס ציהט מיך די נעבלענדע ווייט...

* * *

וואָס רוישט ער דער ים דארט, וואָס וויל ער?
מיט זיין שטורמישען ווילדען געדרענג —
צו בענקט ער נאָך אַ היים אַ שטילער,
אָדער ס'איז איהם זיין שטח צו ענג?

איך גלויב אַז עס פּלאָגט איהם און מאַטערט,
זיין גרויסקייט אָהן שיעור און ראנד —
ער רוישט און ער ברויזט און פלאַטערט
ווי מיין הארץ אין בענקשאַפט'ס בראנד . . .

פאַרטאָג אויפ׳ן שיף

איינגעהילט אין גראָהע כמאַרעס
ליגט דער הימעל ווייט פערשפּרייט,
און עס ברויזט דעם ים מיט כעס.
אַלעס איינצושלינגען גרייט . . .

ניטאָ קיין ליכט ניטאָ קיין שטערען,
אַלעס האָט די נאַכט פערדעקט,
נור דער תהום האָט זיך ערוועקט.
ברומט מיט טויט און פון צושטערונג . . .

ווייזט אויס ער וויל ניט מעהר פערטראָג׳ן,
די שטאָלצע שיפעל אויף זיין שוים.
און איהם ווילט זיך מאַכען לויז,
ביז ס׳וועט אָנהויבען צו טאָגען . . .

נאָר זעה—דער נעבעל ווערט צוריסען —
דער שוואַרצער נעבעל פון דער נאַכט —
אַ נייער העלער טאָג ערוואַכט
און טהוט מיט גאָלד דעם ים בעגריסען.

פון די ערשטע זונען־שטראַהלען,
ביי דעם מזרח׳ס רויטען פלאַם,
ענדערט זיך דאָרט אויך דער ים,
און פערשוויגען׳ ווערט די וועלען

און די כמאַרעס שווינדען, שווינדען,
ס׳ווערט דער הימעל העל און ריין,
און די ראָזע מאָרגען־שיין,
טונקט זיך אין די בלאָהע אינדען . . .

און דער ווינט ווערט לינד, און לינדער,
און ער לאַסטשעט און ער גלעט.
און עס ווייזט זיך אויס ער רעדט . . .
און עס ווייזט זיך אויס ער רעדט . . .

אַ חלום

מיר האָט זיך געחלומ'ט:—כ'בין אײנער אַלײן
אויף אַ אײנזאַמען־אינזעל געבליבען,
אַרום און אַרום; האָט זיך געצויגען פון שטײן
אַ ריעזען־וואַנד פון מענשען־האַנד בעשריבען...

און הויך איז און ברייט דאָרט געוועזען די וואַנד
איהרע טהורעמס צום הימעל געצויגען
אויפ'ן ים .דעם בלויען און אײנזאַמען זאַמד
געקוקט האָט די נאַכט מיט טויזענדער אויג'ן...

און די כוואַלעס זיי האָבען געשלאָגען אָן ברעג,
געריסען פערטראַג'ן אַ זאַמד נאָך אַ זאַמד...
זיי רייסען אָפּ שטיקער און טראַגען אַוועק
צושטער'ן פערניכטען דעם אינזעל און וואַנד...

דאַ בין איך געשטאַנען דאס האַרץ האָט געבענקט,
און שמאַכטענד־דורשטיג געקוקט מײנע אויג'ן...
איך האָב אין מיין עלענד פון מענשען געדענקט,
עס האָט מיך אין מענשען־לאַנד געצויגען...

איך האָב מיט מיין האַרצען געשטריטען אַ צייט
פון צווייפעל געבראָכ'ן, פון האָפנונג — מיעדער...
און אַט ווייזט מיר זיך אוים שוין נ'נאַכטליכער ווייט
אַז ס'וועלען אַנקומען העלפען מיר ברידער.

אָט פינקעלט און פלאַטערט אַ שנעע־ווייסער זעג'ל
ס'קומט צו בעפרייען פון אומגליק צו רעט'ן
אָ!... נײן!... אַ וואַהל איז מיט רויבערישע נעגעל
ס'קומט צו פערניכטען... צוריים'ן... צוטרעטען...

אַה!... שרעקליך,און לאַנג איז געוועזען די נאַכט
האָט איהר מיך ברידער פערלאָזען פערגעס'ן?... —
ווילד האָבען זיך אינדען אין ענטפער צולאַכט
די צושטערונג געטהאָן אַנטערדעסען.

זיי האָבען דעם אינזעל איינגאַנצען פערוויסט
און די וואַנד אויך אין שטיקער צונומען...
אָ! גאָט!.. מיין וואַרטען איז געווען אומזיסט,
עס'איז קיינער מיר העלפען געקומען...

מיין וואונדערלאנד

ערגעץ וואו נאָך מוז עס ליעגען
דאס לאנד פון מיינע הארצענס טרוימען.
וואָס זובענד ווערט מיין בליק פערלאָרען
אין ווייטע אונענדליכע רוימען.

ערגעץ וואו מוז זיך געפינען,
דאס לאנד וואס ציהט מיין הארץ מיט צויבער
אויסגעצירט מיך צו עמפפאנגען
פריש און בליהענד, ריין און זויבער . . .

צו ב. הערשפיעלד

פרישע רויזען, דופטען בליהען,
און ס'שלאָגען פרישע קוואלען.
איינפאך איז דיין ליעד מיין שוועסטער —
פול מיט חן און צויבער שטראהלען.

איינפאך איז דיין ליעד מיין שוועסטער,
און ס'שלאגט אין איהר די טענער,
פון א צארטע הארץ פון בענקשאפט,
צו א לעבען העכער, שעהנער...

שטימונגען

פון

סאניע לויפער

ווען דאס לעבען ערוואכט

ער.

זי.

גאט.

זי — ווען איך וואָלט נאָר געקענט מאכען מיין הארץ
דורכזיכטיג ווי קריסטאַל...
וואָלט ער געמעגט אריינדרינגען אהין,
עס איז דאָך פאַר איהם, פאַר איהם...

גאָט — (האָט מעגליך געמאכט.)

ער — האָט טיעפער אהין אריינגעקוקט, זיין געזיכט
איז בלייך געוואָרען...)

גאָט — (האָט זיך פערוואונדערט...)
האָסט מורא געקראָגען?... מורא פאַר א צאַרטע הארץ?...

ער — אַ גאָט! — וואָס ווילסטו, איך, איך זאָל דאָרט זיך
אריינקלייבען?...
דאָרט, אין יענער הארץ וואו כ׳האָב דערזעהן
די שנעהיגע בערג,
דאָס וואסער-וויסטעניש, די פינסטערע הויהלען...

איך: יאָ, איך האָב מורא!...

גאָט: אָך, דו מאַן, אויב אין איהר הארץ האָט זיך —
א שנעה פערשפרייט —
זיי דו א וואַרעמער פריהלינג-שטראַהל
און זיי וועלען צוגעהן...
אויב אין איהר הארץ איז פאַראַן א וואַסער-וויסטעניש
זיי דו א פערעל פון דער טיעפעניש
און פערזעה אין איהר בלומען פון גליק;
אויב אין איהר הארץ זיינען פאַראַן פינסטערע היילען
זיי דו אין דער פינסטערניש
דער ערוואַרטעטער זונען-שטראַהל!..

גאָט: (איז פארשוואונדען.)

ער און זי (האָבען זיך דערנעהנטערט...)

....

שווייגען

פּאַסירט האָט עס אין גאַס...

מיר האָבען זיך בײדע באַגעגענט... און מיר האָבען זיך געדראַפּט בּעגריסען, ווײל מיר זײנען געווען גוטע בּעקאַנטע... נאָר אַ צו נאָהענטער געפיהל האָט אונז בּאַהערשט... און מיר האָבען געשוויגען...

דאָס הארץ האָט מאָדנע אַ קלאַפּ געטאָהן.. דער צונג האָט זיך ווי צוגעקלעפּט... און אזוי זײנען מיר אַוועק ווי אומבּעקאַנטערהייד... האָטש דער געפיהל איז געווען בּעוואוסט אז מיר בײדע זײנען ניט שולדיג... און עפּעס וויא אײן פרעמדער געפיהל האָט אין אונז ארײנגערעדט, אז מיר זײנען יאָ שולדיג... די שולד איז בּלויז בּעשטאַנען אין דעם וואָס אײנער איז ניט שטאַרק געווען...

אַוועק איז נאָך אַ צײט.. אונד מיר האָבען זיך ווײטער בּעגעגענט — און ערוואַרטעט זיך דארטען צו זעהן... נאָר דער געפיהל איז נאָך שעמעוודיגער געוואָרען... און דער שווייגען האָט זיך פערלײנגערט... — געוואַרט האָבען מיר אויף אַ גינסטיגען מאָמענט... אָבער געשעהן איז אָט וואָס: — דער אונגעדולדיגער שווייגען... האָט זיך אין אײן קאַפּריז פערוואַנדעלט... — ניט נאָר מיר האָבען געשוויגען, נאָר אַלעס ארום אונז איז געוואָרען אײנגעהילט אין אַ טיעפען שווייגען... ווי יעדער פון אונז וואָלט צוריק געהאַלטען דעם אטהעם... און אין דיזען שווייגען האָט זיך געפיהלט אַ געבעט צו די העכערע כחות...
„שטאַרק אונז!.. גיב אונז כחות צו רײדען!..“

און מיר וואַרטען...

טשעדטישע און אנדערע לידער

פון

מתתיה דייטש

שטעדטישע מאטיוון

פוטער־שטיינדלעך, מיט סמאָלע געגאָסען;
אייזען, שטאָל און האַרט־געברענטע ציגעל,
איז די אינגעווײדע דײנע — שיקאַגאָ!
טורעמס, צוואַנציג־שטאָקיגע וואָלקענקראַצערס —

געמויערט פון מאַרמאָר און קאַבעל־שטיינער,
וועלכע זיינען גיגאַנטיש גרויס און הויך,
בעציערען, ווי נאַטור־פאַרפלאַנצטע טאָפּאָלען,
דיינע, מיט אַספאַלט־אויסגעגאָסענע בולוואַרדען . . .

שטאָלענע בריקען, מיט הונדערטער אייזען־קנעפּ באַפעסטיגט,
הייגנען, ווי אויף בוימער אויסגעזעצטע, שוואַרצע קראָען
און וואַרטען ביז אַ באָהן זאָל פייפענדיג, דורכלויפען
און זיי איינהילען אין אַ קנויל מיט שוואַרצען, דיקען רויך —

אַ שיף זאָל הודזשענדיג אָנקומען, מ׳זאָל זיי הויכהייבען
מיט די האַלב־לבנה׳דיגע אייזערנע פאַרענטשען —
און ווי אַן אָדלער מיט זיינע ברייט־צושפּרייטע פליגלען,
די רויביגע, מיט גאַז אָנגעפיהלט לופט, דורכשניידען...

לאַנגע, ברייטע גאַסען ציהען זיך, ווי גלייכע
פידעל־סטרונעס אין דער סקווער און לענג
אין לאַנגע, ווייטע שטח׳ן וועלכע דאָס אויג
קען אַזש די ענד, פון זייער ווייט־גלייכען, ניט כאַפּען —

ווי אַ אויסגעשטרעקטער אָרעם, פון אַ אויסגעטראַכטען ריעז,
ציהט זיך לאַנג, כמעט אונענדליך, אין אַ קויל־פאַרשוואַרצטער
גראָדער ווירע איבערפולט פון אוטאָמאָבילען—מישיגאַן בולוואַר,
אַקעגען איהם — אַ באַרג מיט וואַסער —

ארומגעזוימט מיט בלאָהען הימעל,
ליגט איינגעהויקערט — מישיגאַן לייק
און שפּאַרט גאַנץ האַרט, אין בלאָהען זעפיר,
זיין גרויען וואַסערדיגען האָרב . . .

שפּאַציער־גערטנער, ווי האָר, צוואָוואָרפען
איבער אַלע דיינע שטעדטישע טיילען,
בעציערען דיר און קרויזען דיר ארום,
ווי אַ שלייער אַ שלאַנק־געבויטער דאמע,

דיין, פול מיט שעהנצוצויגענע ליניען —
גלאַט־געבויטען, פיעל קאַנטורען גיגאַנטיש־שטאַרקען
קערפּער — רייך־קאָקעטישע, מאָדערנע שיקאַגאָ.
תמיד ביזטו איינגעהילט אין שווארצען רויך

צונויפגעמישט מיט שלעכטע רומפען,
וועלכע קומען פון דיין וועלטבעוואוסטען,
גרויס־מאָדערנעם שלאַכט־הויז, וואו מען הרג'עט
טויזענד אָקסען אין איין שטונדע —

חזרים, קיה און קעלבלעך — מיליאָנען!...
זעג־מיהלען, שמעלץ־פּאַבריקען, וועלכע גיסען:
חלב, אייזען, מעש און קופּער; באַהנען, שיפען,
וועלכע פּייפען, הודזשען, ווי געקוילעטע, ווען זיי דארפען

צוקומען צו דיינע וואסער־פראָנטען און באַהנ־סטאַציס —
בעגריסען די און הילען איין די גאַנצע שענקייט,
שיקאַגא מאַדאָנע, מיט וואָלקאַנען אַש און רויך,
וועלכע מאַכען דיר שווארץ און קייטיג —
מיאוס, געפעהרליך, ווי אַ טייפעל ! . .

שטויב

קיין גראָז, קיין גרינע בלאַט,
איז אין גאַס, פון אַ גרויסער שטאָט, ניטאָ.
שטויב איז דאָ, שטויב אַ סך —
און שלעכטער שטויב...
שטויב וואָס מויער צועסט,
דעם אַספאַלט פון גאַס און אייזען אויך! —
און זענען לונגען שטאַרקער נאָך?
צופרעסט ער זיי, צולעכערט זיי
און מאַכט זיי פאַר אַ זיפּ,
אַ זיפּ וואָס ער נוצט אויס פאַר זיך אַליין,
פאַר זיין געברויך—צום זיפּען שטויב...
צום זיפּען שטויב, דורך לונגען שטויב — —

רעגען

שווימען צוויי וואָלקענס די שטאָדט זיך פאַרביי:
איינער בלייבט הייגנען פונקט איבער דער גאַס
און רעגענט זי אויס מיט טראָפּען געשמאַק —
שווינקט אָפּ אַזש דעם שטיין ביז ראַזיגער פאַרב
און שווימט זיך, ניט זיכער, פּאַוואָלי אַוועק:
וועט וואַקסען אין גאַס? אין שטיינערנער גאַס?

מענשען, מיליאָנען, בעטרעטען די גאַס
און זעען ראַשיגע טרעט אויף איהר אויס —
זוימען וואָס די צייט שלינגט איין גיך
און לאָזט ניט קיין צייכען פון איהם...

בליהען קען ניט, די שטיינערנע גאַס.
קרעפטען אויף גרינען פאַרמאַגט זי נאָך ניט...
פּרוכטלאָז שלאָגט אָפּ'עט די טראָפּען אין שטיין
און שטראָמט זיך אין רינשטאַק פּאַוואָלי און זאַכט...

נ א ך א ר ע ג ע ן

ווי די געקעסטעלטע פעל פון אַ קראָקאָדיל
און ווי אַ שלאַנג געדרעהט, איז געבליבען
קליינע רעגען־ליוזשען אויף דער גאס —
און האָבען, ווי די ווארצלען פון א בוים
צוצווייגט, געצויגען זיך, הין און הער,
צווישען דעם געברענטען און געגלייזטען שטיין —
אין קאנאל אריין...
די אָפּגעוואשענע רויטע אויבערפלעכע,
האָבען טויזענדער זונענשטראהלען אָפּגעטריקענט —
און ווי שפּיגעלאך געבלישטשעט,
האָט יעדער שטיין בעזונדער;
ווי וויינ־קאָליר, געבלישטשעט, האָט דער טראָטואַר
און ווי א ים־הונט דער אספאלט...
ציכטיג, אויסגעוואשענע זענען די מויערען,
אין שורות, ווי פייכט־צוקאמטע מיידעל־האָאר —
און מיט א אונגלייכער שפּיצקייט דערהויבען —
געשטשארטשעט צו די לעצטע, ווי קליינע זעגעל־שיפעלעך
איילענדיג, ווי א דארשטיגע צום וואסער,
אויפן בלאָהען הימעל אומגעשוואומענע
ווייסינקע זילבער־וואלקענדלעך —
און בעגלייט זיי מיט אַ בליטשטענדען:
פאָהרט געזונד, פאָהרט געזונד און פארבלאָנדזשעט
נאָך אַמאָל צו אונז אויסצוואַשען דעם
שלעכטען שטויב, דעם אש און קויל וואס פאלט אויף אונז
פון שיפען, באהנען און פאבריקען...

ווער הייסט און ווער קען

ווער הייסט די ווייסינקע שנעה־פליטערלאך פאלען
און פארדעקען מ'קויט פון דער ערד מיט קריסטאלען,
ווען זיי ווערען נידריג צוטראטען — פארשלונגען?!...
ווער הייסט די ווייסינקע שנעה־פליטערלאך פאלען? — —

ווער הייסט די קריסטאלענע טראפעלאך רעגען
אויסגיסען זייער גלימצענדע שעהנקייט, פרישקייט,
אויף שטיינער און וועגען — אין לוזשען פון זשאבעס?!...
ווער הייסט די קריסטאלענע טראפעלאך פאלען? — —

ווער קען דאס דעם רעגען אבהאלטען פון פאלען
ווען פיעל אנגעזאפט איז מיט וואסער די וואלקענס
און ס'ציהט זיי די לאסט, די בעלאדענע משא?!
ווער קען דעם רעגען אבהאלטען פון פאלען? — —

ווער קען דאס אבהאלטען דעם שנעה פון זיין פאלען
און זאגען: מ'דארף דיר ניט האבען מיט דיין ווייסקייט,
ווען ס'טרייבט איהם דער שטורעם, דער ברויזענדער ווירבעל?!...
ווי קען דאס געמאהלט זיין אז שנעה זאל ניט פאלען?! — —

ק ר י ס ט אַ ל א ו ן ד ו...

קריסטאַל איז ווייס און דו—ביזט אויך...
— — — — — — — — — — — —

איך זעה דורך דיר דאָס לעבען אָן,
דורך לויטער ווייסע פאַרבען —
דו ביזט פאַר מיר א שטיק קריסטאַל!
א שטיק קריסטאַל... א שטי־ק קרי־סטאַ־ל...

ניט איך פאַר דיר,
נאָר דו פאַר מיר!
ווייל דו ביזט ווייס, אָך, ווייס אזוי...
ווי־יי־ס א־ז־ו־י...

קריסטאַל איז הארט און דו—ביזט אויך...
— — — — — — — — — — — —

איך פיהל דורך דיר דעם לעבענס־קאַמף
דורך טויזענדער הארטע דריקען—
דו ביזט פאַר מיר א שטיק קריסטאַל
א שטיק קריסטאַל... א שטי־ק קרי־סטאַ־ל...

ניט איך פאַר דיר,
נאָר דו פאַר מיר!
ווייל דו ביזט הארט, אָך, הארט אזוי...
האַ־ר־ט א־ז־ו־י...

קריסטאַל איז שאנזש און דו ביזט אויך...
— — — — — — — — — — — —

פילסט אָן מיין זעעל מיט שטימונגען,
ווי קריסטאַל דאָס אויג מיט פאַרבען—
און וועקסעלסט זיי, און מיענעסט אויך
מיין בלוט פון הארץ, מיין בלוט פון אַלץ.
דו ביזט פאַר מיר א שטיק קריסטאַל!
א שטיק קריסטאַל... א שטיק קרי־סטאַ־ל...

ניט איך פאַר דיר,
נאָר דו פאַר מיר!
ווייל דו שאנזשירסט, אָך, שאַנזשירסט אזוי...
שאַ־נ־זשי־ר־רסט א־ז־ו־י...

געמיטליך-קאלט

קאכסט אויף מיין בלוט, מיט'ן בלוט—מיין פלייש,
ווי פייער מילך, ווי פייער בליי און מעש ! — —
און טיילסט אליץ איין חלקים'ווייז מיין לייב...
מיין גאנצען גוף גיסטו אן מיט זידיג בלוט
און קאכסט איהם אוים, קאכסט איהם אוים
אזש ביז'ן דעק — און מעהר — — ! — —
— — — — — — אה! — — — — — — — —
און ווי טהוסטו דאס? — געמיטהליך־קאלט ! . . .
געלאסען און נאך געמיטהליך־קאלט דער צו,
געמיטהליך־קאלט אזוי — — — — — — — —
און פרעגסטו מיר:
„ווי פיהלסטו זיך?
וואס ביזטו עפעס אט אזוי?"
דאן, זאגען וועל איך דיר:
איך פיהל זיך אט אזוי : —
ווי בלעך וואס ליגט שוין יאהרען־לאנג:
און זשאווערט זיך, ראסטעט איבער
פון זיך די קראפט, דעם שעהנעם גלאנץ —
און ליעגט שוין סתם — — — — — — —
ווי די שאטענס אין די לעבער
פון א צובויגטער קופער־פאן,
וועלכע העלפען פארגליווערט ווערען
דעם גרינעם קופערטס־שליים —
און קופערטסען די פאן צום טויט . . .
מיין לייב קופערטסט מיר דאס בלוט,
דאס בלוט—מיין הארץ —
און איך, פיהל אט אזוי — — — — —

פרעגסט נאך, פארוואונדערט, מיר:
„פאר וואס־זשע?"...
און אליץ אזוי, אזוי געמיטהליך־קאלט,
לאנגזאם און געמיטהליך־קאלט. ק־א־ל־ט — — —
— — — — — — — — — — — — — —
פיהלסטו ניט דעם זשאווערען דען?
צו ווייסטו ניט דעם טעם פון קופערטס־שליים?!

דאַן, גיבּ אַ לעק מיין בּרוסט!
אַ זיפּ, אַ קליינעם זופּ מיין בּלוט! —
און וועסט שוין פּיהלען, שפּירען גליַיך דעם טעם,
דעם טעם פון זשאַווער, זשאַווער
און פאַרקופּערטסטען שליים ! ! — — — ———
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

קאָכסט אויף מיין בּלוט, מיט'ן בּלוט—מיין פּלייש,
ווי פּייער מילך, ווי פּייער בּליי און מעש! — —
און טיילסט אַלץ איין חלקים'ווייז מיין לייבּ...
מיין גאַנצען גוף גיסטו אָן מיט זידיג בּלוט
און קאָכסט איהם אויס, קאָכסט איהם אויס
אזש בּיז'ן גרונד, בּיז'ן דעק — און מעהר — — — — —
— — — — — — — — אָה! — — — — — — —
און ווי טהוסטו דאָס? — געמיטהליך־קאַלט ! . . .
געלאַסען און געמיטהליך?קאַלט דער צו,
געמיטהליך־קאַלט אזוי, ק־אַ־ל־ט — — — — —



לידער

פון

צבי פישמאן

ווען ווינטעלעך ווארימע האבען געבלאזען

ווען ווינטעלעך ווארימע האָבען געבלאָזען,
און פון טייכעל די אייז איז צוגאַנג׳ן;
דאן האָב איך מיט ליעבע דעם פריהלינג בעזונגען —
און געוועבט האָט זיך גאלד׳נע פערלאנג׳ן . . .

כ׳האָב בעזונגען די בלומען, ד׳לאנקעס די גרינע —
פון טייכעל די זילבערנע וועללען.
כ׳האָב בעזונגען די שטיהלע און זאנפטע פריהמאָרג׳נס —
די פייגלעך מיט זייערע טרעלען . . .

נור איצטער גאר בלאָזען שוין אנדערע ווינטען,
מיין נעכטען ווערט ווייט, ווייט, פערטראג׳ן . . .
מיין היינט איזוי גרוי איז — איך קען מער ניט זינגען —
א! הארץ־מיינס מוזט נאגען, און נאג׳ן . . .

דער הימעל בעדעקט איז מיט חמאַרע,
דער הימעל געהילט איז אין שוואַרצען,
די לופט איז בעטרונקען מיט נעבעל,
אין דרויסען איז ווי אויפן האַרצען.

ס'טראָגט זיך אַ ווינטעל אַ פוילער,
און לאָזט אין יעטוויעדער גליעד,
מאַכט פיהלען אַ פוילקייט, אַ שלאַפקייט,
און מאַכט פיהלען צובראָכען און מיעד.

פערטונקעלט איז אַלעם פער'חושכ'ט
פון רעגען וואָס קלאַפּט אָהן שיעור
פערגליווערט איז יעדער אבר
און שווער זיך צו געבען אַ ריהר.

דער דיכטער

אין טרויער דיין אויסזעהן, מיין ברודער,
פערצאָרנט זעה איך דיר אומגעהן,
אין אומעט געהילט דיינע אויגען,
דיין פּנים קאָן ריהרען אַ שטיין.

זיי ענטפּלעקען די צרות, די ליידען,
וואָס ליגען אין הערצען גאַנץ טיעף,
בעהאַלטען פון מענשען מיליאָנען,
פערבאָרגען פון זייער בעגריעף..

דער לעצטער אבשיעד

גיב מיר דיין האַנד, מיין ברודער,
גיב מיר דיין פריינדליכען בליק;
ווייל באַלד געה איך וויט, וויט אוועק
און וועל מעהר ניט קומען צוריק.
גיב מיר דיין פריינדליכען בליק!

דריק, ווי אַ ברודער, מיין האַנד.
דריק צו דיין הארצען זי צו;
ווייל דו וועסט אַהין־צו אויך קומען—
אַהין, צו דער אייביגער רוה.
אַהין, צו דער אייביגער רוה . . .

ניט רוף מיך

ניט רוף מיך פערברייגגען, מיין ברודער
ניט רוף מיך בעגליקען מיין צייט:
מיין גליק וועל איך דאָרט ניט געפינען;
מיין גליק איז פון מיר זעהר וויט.

אַ, לאָז מיך דאָ זיצען אין צימער,
פערהילט אין אַ טונקעלען שיין:—
אַ, לאָז מיך דאָ זיצען און וויינען,
און דיכטען מיין פיהלענדען פיין!

א גליקליכער טרוים

געווען איז נאָך פינסטער אין דרויסען און שטיל,
ווען איך האָב פון שלאָף אויפגעוואכט,
און האָב נאָך מיין וויינען געשפירט אזוי פיעל,
דעם חלום פון יעניגער נאכט!

כ׳האָב דאָ געליטען אזוי פיעל פון בענקען
צום גליק, וואָס איך וועל ניט דערלעבען...
דעם חלום, דעם חלום איך וועל איהם גֶעדיינקען
ווי לאַנג אויף דער וועלט איך וועל לעבען!

מיין קינד

מיין אינגעלע פרעגט מיך מיט קינדערשען לוסט:
אָ, טאטע! ווער האָט דיר געשלאָגען?
און דריקט מיך צו שטארקער דאָס קעפעל צום ברוסט —
איהם זאָגען מיין יאָמער און קלאָגען.

און מאכט מיט די הענטלאך וואָס גארען נאָך רוה,
אין שפּאנונג ער ווארט און וויל הערען:
איך קוש זיינע אויגעלאך וואָס מאכען זיך צו,
איך וויין און עס פליסען די טרעהרען . . .

לידער

פון

ש. הערשפּיעלד

קען עס ווער דען מיר דערצעהלען

(פאעמא)

איבער ווייטע, ווייטע ים'ען:
וואו עס גיסען זיך צוזאמען —
ערד און הימעל,
ליגט פערוואָרפען מיין קליין שטעדטעל
אין א נעבעל איינגעוויקעלט.

האָט מיין שטעדטעל, נאָך דעם צויבער,
פון נאַטירליך־רייכע בילדער,
וועלכע האָבען איינגעקריצט זיך,
אין מיין קינדערשען זכרון?
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
איז דאָס וואַסער פון דעם טייכעל,
וועלכעס פלעגט אין פריהלינג מורמלען,
נאָך אזא קראסטאלען זויבער?
אָדער איז דאס זויבער־טייכעל,
אויסגעמישט מיט רויטע וואסער...
אָדער אפשר גאר פערשאָטען?
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
קען עס ווער דען מיר דערצעהלען?

גרינט דאס וועלדעל, דארט נאך איצטער:
ווי אין יענע שעהנע צייטען;
ווען איך בין א קליינער יונגעל נאָך געוועזען?
און איך פלעג מיט נאך פיעל שטיעפערס,
לויפען אין דעם וועלדעל זוכען,
רויטע „יאגאדעס" — און שווארצע
און אויך זוכען, פויגעל־נעסטען
אויף די בוימער.
און דיא פויגעל'ס צארטעס זינגען
האָבען טיעף אריינגעדרינגען,
אין מיין יונגעס הארץ.
און פערפלאנצט האָט זיך א ליעבע
דאָן אין הארצען טיעף ביי מיר:
צו דעם גרינעם שעהנעם וועלדעל,
צו דעם פויגעל'ס צארטעס טרעלען,
אויך צו דיא גרינע בוימערס בלעטער
וועלכע פלעגען לאסטצען, גלעטען
אין דיא הייסע טעג פון זומער...
בליהט דאָס וועלדעל אויך נאָך איצטער
טיעף פערטרוימט אין מעלאָדיען?
קושען זיך נאָך גרינע בלעטער
פון א שטיפערישעןווינטעל?
אדער אפשר גאר צוטראָטען,
ליגט דעם וועלדעלס צארטער טרוים

און דיא בוימער, געל פערטריקענט
אויסגעהאקטע מיט דיא ווארצלען,
ליגען לאנג שוין טודט פערגליווערט?
און אויף פערדארטע בוימער'ס־צווייגען
טאנצען שווארצע ראבען אום.

— — — — — — — — — — — — — — —

קען עס ווער דען מיר דערצעהלען?

שטעהען נאך דיא שורות הייזער
אין מיין שטעדטעל גאנץ וויא פריהער,
און ארום פערפלאנצטע גערטנער
פול מיט גרינסען אלערליי?
אדער אפשר אנשטאט הייזער
שטעהען יעצט פערברענטע חרבות,
און דיא גרעטנער גרין־בעציערטע
זענען פיעל מיט קברים גאר?

— — — — — — — — — — — — — — —

קען עס ווער דען מיר דערצעהלען?

לעבט נאך גרייז דארט?
שטיעפט נאך יוגענד,
אין מיין קליינעם ליעבען שטעדטעל?
הערט זיך נאך פין שוהל דיא תפילות
אין שבתים אין יום טובים?
איז איעדעם הויז נאך פול יעצט,
מיט דיא לוסטיגע געשרייען,
פון אמאל?
אדער אפשר גאר פערלאשען,
איז דאס לעבען אין מיין שטעדטעל
און פין יוגענד — וויא פין עלטער,
איז קיין זכר שוין ניטא?

— — — — — — — — — — — — — — —

קען דען ווער דאס מיר דערצעהלען?

::::::::::::::::::::

ליעבעס-שטראם

שטראמט אין הארץ א קוואל פון ליעבע,
ווארפט דיא זונן א שטראהל...
ווארט איך, עמיצער זאל קומען —
טרינקען פון דעם קוואל . . .

ווארט איך, עמיצער זאל קומען
טרינקען פון דעם קוואל,
קומט ניט קיינער, ווערט א וואלקען...
און ס'פערשווינדט דער שטראהל.

לידער

פון

לעאָן בערטש

פאלקס-מאטיווען

ברענט אין הארץ אַ פייערל
קען זיך ניט אויסלעשען —
ערגעץ וואו מיין טהייערע
קען איך ניט פערגעסען...

ווײנט זי — בײנקט זי ערגעץ וואו
אָדער שוין פערגעסען....
דאך ביי מיר דער פייערל —
וועט זיך ניט אויסלעשען...

שעטנדיג שוועבט אין מיין זכרון

שטענדיג שוועבט אין מיין זכרון
יענער זיסער העלער טאג
ווען איהר בליק האָט מיר געלאשצעט
און געוועבט חלומות פיעל.

פון מיין הארץ א קוואל פון ליעבע..
ווי די זון האָט אויפגעפלאַמט
ווען איהרע בליקען זונען-נעצ'ן —
האָט מיין ברויזענד האַרץ בעריהרט.

ערצעהלונגען

פון

מ. אראן

ווי אַזוי ווערט מען א שרייבער

אייגענטליך איז שוין דאָ אין דערינען יאָהרען זינד איך האָב זיך אריינ־גענומען אין די געדאַנקען טאָג־איין, טאָג אויס ווי אַזוי ווערט מען אַ שרייבער. עפּעס אזוי אָנשרייבען א פעליעטאָנטשיק, א געדיכטעלע אָדער סתם אַ מעשה'לע. און טאַקע פאַרוואָס ניט, עס קען דען אימיצען שאַדען, אַז עס וועט זיך פאַר־וואלגערן נאָך אַ שרייבער אויף אונזער וועלטעלע? איי, וואָס קענען? עט, נאַרישקייטען, אַז מען נעהמט זיך, העלפט גאָט. און ווייטער וואו שטעהט עס געשריבען, אַז איך קאָן ניט, אפשר ליגט גאָר אין מיר בעהאַלטען אַ טאַלאַנט שבטאַלאַנטען, נאָר וואָס דען, קיינער וויים עס ניט, ווארום, וואָלט די וועלט וויסען מיין בעהאַלטענעם טאַלאַנט, וואָלט מען דאָך מיינעם אַן ארטיקעל צו־צוקערט. איהר ווייסט וואָס דאָס הייסט צוצוקווערט, ווען צוקער איז אזוי בראַנד־טייער? דאָס הייסט פּשוט און פּראָסט אָפּגעגאָלטען.

אויפגעשריבען אַ סקיצעלע געקראָגען א פינפערל, א געשיכטעלע—אַ צעה־נערל. און סתם אזוי ווערט מען דאָך עפּעס אַן אָנגעזעהנער מענש ביי לייטען, עפּעס א קליינינקייט אַ שרייבער. דעם כבוד, דעם רעספּעקט פון אַלעמען.

אַז עס בעצאָהלט זיך צו זיין א שרייבער, וועגען דעם איז ביי מיר גאָר קיין פראַגע ניט געווען. נאָר דעם אמת זאָגענדיג, האָט זיך מיר געוואָלט ווערען אַן ענגלישער שרייבער. אָט נעהמט, למשל, אַ שעקביר (שעקספּיר), אָדער אַ מאַרקס וויין (מאַרק טוויין) געשריבען אין ענגליש, נו, וויים טאַקע פון זיי די גאַנצע וועלט. נאָר אזוי ווי אויף דעם לשון שטאָמעל איך אונטער אביסעל, און אין אויסלייגען די ווערטער בין איך טעמפּיג, קלעהר איך מילא זאָל זיין אין אידיש. אָבער אַן עק אַ סוף, ווי דערלעבט מען שוין צו זעהן מיין נאָמען גע־דרוקט אין פּייפּער. דאָס הייסט, אונטען וועט זיין מיין אַרטיקעל און אויבען מיט אַ ביסעלע גרעסערע ווערטער וועט זיין מיין נאָמען מ ש ה א ה ר ן. און פאַרוואָס טאַקע ניט, האַ? אפשר ניט קיין שעהנער נאָמען? לעזט נאָכאַמאָל פּאַוואָליע מ ש ה א ה ר ן. נו, וואָס זאָגט איהר אפשר ניט אַ שעהנער נאָמען ווי די וואָס פּיעלע אידישע שרייבער פערמאָגען? איי וואָס זייערע דרוקט מען און מיינעם ניט? נו, אויף דערויף איז גאָט אַ פּאָטער.

איהר מיינט, אַז דער פּרעזידענט פון אמעריקא איז קיין סטריט־קליענער ניט געווען, און דערנאָך אַ פּאָליסמאַן און אזוי ווייטער, ביז ער האָט זיך ארויפגע־אַרבייט אויף פּרעזידענט. און מיט שרייבער איז אויך דאָס אייגענע. די „מיינ־טהינג" איז שרייב און שרייב. און אזוי האָב איך געשריבען און געשריבען,

געשיקט עס וואו עס איז נאר געווען א אידישע רעדאקציע און קיינער האט ניט געדרוקט. און „מאנדזשוי“, אפילו זיך ניט פארענטפערט, דהיינו, פארוואס ניט. דאכט זיך, אויסגעפאלגט אלע רעגולאציאנען: געשריבען אויף איין זייט פאפיר מיט גוטע בלאהע טינט, ווערטער ווי פערל, ריין אהן פלעקען, צוגעקלעפט אן איבעריגען סטעמפ, זאל דער רעדאקטאר ניט זאגען, אז איך שטעל איהם בדיל הדל.

אוי די רעדאקטארס, קיין גוטער איד זאל זיי ניט קענען. זיי גלייבען ניט צו געבען יענעם א „טשאנזש“. וואס איז, אז מען ארבייט זיך שוין ארויף, דארף מען פארגעסען, אז מען איז אליין דאך אויך ניט געבארען געווארען רעדאקטאר. נור געה טענה, אז ער דרוקט ניט און פארטיג, און שריי חי־וקים.

נאך מעהר, איך האב אוועקגעשיקט די זעלבע צייט צו דריי פארשיעדענע צייטונגען דעמזעלבען ארטיקעל, אולי ירחם? אפשר וועט איינע דרוקען. נו, הויבט זיך גאר ניט אן, און עס לאזט זיך גאר ניט אויס. אזוי ווי זיי וואלטען אלע אפגעמאכט „יד אחת“ אלעמענס דרוקען און מיינע ניט. נאר ווי זאגט מען עס עפעס, דער מענש טראכט און גאט לאכט. איך נעהם ארייך א צייטונג אין האנד, אהא, עס איז דא, אין „בריעף קאסטען“ מיין נאמען, מיט אביסעלע קריטיק אויף מיין פעליעטאנטשיק, דהיינו, עס האט ניט קיין הומאר, און ניט אינטערעסאנט. און אויך שרייבט ער מיר, אז דער אידיש געפעהלט איהם ניט, און א שאד מיין צייט, פייפער איז טייער. ער פערשטעהט אבער, דער רעדאקטאר, אז מיין צייט איז ניט בלאטע. מילא, דאס איז פון די קלייניגקייטען, אבער מיין טרוים איז פערווירקליכט געווארען, מיין נאמען איז שוין געדרוקט אין א צייטונג. איי וואס, אביסעלע קריטיק? עט, נארישקייטען. נו, און שטעהן נידעריגער פון דער קריטיק אין בעסער, הא? און אזוי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, איהר ווייסט דאך „כאשר נפל תפול“, בין איך געווארען אשרייבער.

פסח'דיגע קשיות

באלד נאך פורים האט די שטעדטעלע בעקומען גאר אנ 'אנדער פנים. מען האט זיך גענומען גרייטען אויפ'ן ליעבען גוטען פסח. די קרעמער האבען אנגעפאנגען פארקויפען מעהר סחורה, אלע בעלי מלאכות האבען געהאט ארבייט לרוב. יעדער שניידער איז געווען פערווארפען מיט ארבייט. אום צו מאכען די גארניטערלאך און סורדוטען פאר זיינע קונדען אויף פסח. די שוסטער האבען גענייט שטיוועלעך מיט הארט חאליאוועס, און שיך מיט רעזינקעס, געקלאפט די צוועקלאך, געצויגען די דראטווע גאר מיט אן אנדער חשק, אלס לכבוד דעם הייליגען פסח. די מצה פאדריאדטשיקעס האבען שוין ארויסגע־נומען די כלי זין, אבגעשויבען מיט גלאז די פאראיאהריגע טויג פון די קא־צאלקעס.

אין דרויסען האט די זון אזוי געווארעמט, טאקע ווי ערב פסח. די שטעדטעל האט אנגעפאנגען האנדלען און וואנדלען גאר ניט אזוי ווי א גאנץ יאהר. די ציגען זיינען אלע ארוים אין מארק און געפינענדיג א פויערשען שליטעל מיט היי האבען זיי ביסלעכווייז געצופט אונטערשאקלענדיג מיט די בערדלעך און ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען צו געהט ניט דער פויער מיט'ן בייטש. און וואס נעהענטער עס איז געקומען צו פסח אלץ מעהר האט מען געפילט די יום טוב'דיגע שטימונג. די לופט אין דרויסען האט געשמעקט מיט פריש געבאקטע מצות. מען האט שוין אויך אנגעפאנגען ארויסצונעהמען די פאד־ווינע פענסטער.

מיר, די יונגלעך פון שטעדטעל, האבען זיך פשוט ניט געקענט דערווארטען אויף פסח. יעדער האט שוין אנגעמאסטען דעם גארניטערעל. דער פינזאקעל איז אפילו א ביסעל צו גרויס, די הויזען צו לאנג, נור דער טאטע זאגט, אז עס איז גראדע גוט. ממש אין די יאהרען וואקסט מען, און ער וועט איה"ש אין א פאאר חדשים ארום זיין אקוראט גוט.

לעבען די באקאליינע קראמען שטעהען א סך שליטלעך. די באלעבאסטעס שטעהען איינווייניג און האלטען אויפ'ן לאדען אביסעל מעהל, און מיט צוויי פינגער פון דער אנדער האנד טאפען זיי די מעהל, ווי דיק אדער ווי דין זי איז און וואס פיר א מעהל צו נעהמען אויף מצה. דינגענדיג זיך אביסעל ווערט מען מרוצה. וועגט אפ די מעהל פאקט איין, און ווינשט איהר צו האבען א כשר'ן פסח. זי געהט גלייך אין פאדריאד מיט די מעהל. דער האלבער טאג איז שוין אפגעמאכט מיט'ן פאדריאדטשיק צו באקען פאר איהר, און ארייגקו־

מענדיג אין פּאַדריאַד האָט איהר דער פּאַדריאַדטשיק בעגעגענט מיט אַ פרעה־ליצען פּנים אויסשרייענדיג דערביי „סקאָצעל קומט! איהר זייט געקומען אין צייט!“ האָט מען זיך באַלד גענומען פיר איהרע מעהל.

ביי אַלעמען שיינען די פּנים'ער; די וועלגערינס האָבען אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען מיט די קאַצאַלקעס פיעל שנעלער און מיט מעהר חשק. דער זעצער, דער רעדלער, און די קנעטערין, האָבען אויך געאַרבייט מיט התמדה. אפילו די מיירע האַלטערין האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען צו בעוועגען, וואָרום מען וויים אז די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט לעקעך און אַביסעל ווייִן, און נאָך גוטע זאַכען, אַ חוץ וואָס זי לאָזט אַלעמאָהל איבער אַביסעל האַנד געלד (נאַ טשאַי.) אַזוי האָט זיך יעדער גֶעסטאַרעט איבעריאָגען דעם צווייטען. נעהמט, למשל, זילפּע די גראַבע, גיט אַ קוק ווי זי שטעהט און וואַלגערט. די אַרבעל פּערקאַטשערט ביז אריבער די עלענבויגענס, דער פּנים רויט, די קאַטשאַלקע טאַנצט אין די הענד, אַ וועלגער אַהין אַ וועלגער אַהער, און די מצה ווערט וואָס אַ מאָהל אַלץ דינער, אַ וואָרף אויפ'ן וואַלגער האָלץ געהט זי גלייך צו צום רעדלער מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט פון אַ זיעגער. דער רעדלער ווידער אַ יונג מיט ביינער, רעדעלט די מצה מיט איין האַנד און שטופּט וואָרעם געבאַקטע מצה אין מויל מיט דער צווייטער, ניט צורייסענדיג אפילו איין מצה.

איך האָב אַזוי געליעבט דעם ערב פּסח אז איך האָב זיך געשטעלט קשיות: פאַרוואָס האַלט מען ניט דעם ערב פּסח פאַר אַ גאַנץ יאָהר, זומער און ווינטער, וועסנע און אָסיען? עס איז דאָך אַזוי גוט, פּשוט אַ מחיה!

אַזוי איז עס געגאַנגען ביז דריי טעג פאַר פּסח, ווען דער עולם האָט שוין געהאַט אַלעס: מצה, וויין און נייע גאַרניטערלעך, האָט דער פּאַדריאַדטשיק אַלעמען אויסגעצאָהלט די שכירות און צוגעווינשען יעדען אַ פרעהליכען פּסח, איז מען אהיים געגאַנגען און אין יעדען ווינקעלע פון הויז איז געווען געשייערט, די פּאָדלאָגע געוואַשען, די ווענט אויסגעקאַלכט.

ערב יום טוב זיינען אַלע אין שוהל געגאַנגען, מיט נייע מלבושים, אויס־געהיט זיך פון בלאָטע, געגאַנגען אויף די קלאָדקעס ח"ו ניט איינשפּריצען דעם נייעם גאַרניטעריל, דאָס האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד, און די קעשענעס מיט וועלשענע ניס.

קומענדיג פון שוהל, איז אין הויז געווען געגרייט די „העסע בעט“, ווי דער טאַטע האָט זיך אָנגעלענט ווי אַ כהן גדול מיט דער גרייז גראָהער באָרד פּאַנעזעסען אַרום טיש צוגעהערט זיך נאָנדער געקעמט. די הויז געזינד איז צום קידוש, און יעדער האָט געהאַלטען אַ הגדה אין האַנד. שפּעטער זאָגט דער טאַטע צו מיר: מיין זוהן, דו וועסט מיר פרעגען די פיער קשיות!“ איך האָב

זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען, און אָנגעפאנגען מיט אַ ניגון: — מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות? און ניטפרעגענדיג מעהר ווי פיער קשיות, האָט ער מיר זיי באלד פערענטפערט:

„עבדים היינו לפרעה במצרים“. און אזוי ווייטער און ווייטער און פערטרינקענדיג מיט די פיער כוסות ווײַן האָב איך זיך צופריעדענגעשטעלט מיט'ן ענטפער.

די צייט איז זיך געגאנגען איהר וועג. און אזא פסח איז שוין אַ זאַך פון דער ווייטער פערגאנגענהייט, פון אַ יאָהר 20 צוריק. די לעצטע עטליכע פסח'ן האָב איך ווידער בעקומען אַ חשק צו פרעגען קשיות. עס איז אמת, אַז עס איז ניטאָ ביי וועמען צו פרעגען. דער פאָטער טויט, די מוטער אויך דאָס אייגענע, די פאמיליע צושפרייט אין אַלע לענדער, און אליין בין איך אין אַמעריקא, ווייט אוועק פון דער געבורטס־שטעדטעל, נור מיט'ן אָנקומען פון ערב פסח הויבט מיר מיין הארץ אָן צו פרעגען קשיות: „פארוואָס ביזט דו אוועק געפאָהרען פון יענעם שטעדטעל? פארוואָס, פארוואָס...

אינהאלט פערצייכנונג

1.) פארוואָרט .... ק. מרמר

2.) בעססיע הערשפיעלד .... לידער

3.) מאיר קויפמאַן .... ערצעהלונגען

4.) בן שלום [ש. שניידער] .... לידער

5.) בנימין י. נייטהען .... ערצעהלונגען

6.) פיליפּ וויינמאַן .... לידער

7.) סאָניע לויפער .... שטימונגען

8.) מתתיה דייטש .... לידער

9.) צבי פישמאַן .... לידער

10.) סעם הערשפּיעלד .... פּאָעמא

11.) לעאָן בערטש .... לידער

12.) מ. אראָן .... ערצעהלונגען

דרוק פערבעסערונגען

בלאט 17.................געדרוקט ״קייד״.................דארף זיין קינד

״ 42.................געדרוקט ״חון״.................דארף זיין חן

״ 47.................פארביטען די נעמען פון די לידער

״ 58.................געדרוקט ״לעב״.................דארף זיין ליעב

״ 68.................געדרוקט ״ריזיזער״.................דארף זיין ריזיגער

״ 78.................געדרוקט ״בעגריסען״.................דארף זיין בעגיסען

״ 85.................געדרוקט ״טשעדטישע״......דארף זיין שטעדטישע